STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03489

# LIBAVITSH REDT TSU DER VELT

M. Granitstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין.

# ליבאָוויטש רעדט צו דער וועלט

(ווידוי־מעמוארן פון איינעם, שיצא ולא חזר.)

M. Granitstein
Calle Reconquista 439
Buenos Aires
Rep. Argentina

בוענאָס איירעס

1949

# ביכער פון משה גראַנשטיין.

**פּאָעזיע:**

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

שיר השירים, אשר לגראַפּאָמאַניע. (מרוידאַר־באַלאַדן.)

**עסייאיסטיק און פּובליציסטיק:**

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.

טעאַטער — אוניווערס. (פּסיכאָאַנאַליטישע רעוואָלוציעס פון דער מענטש־אימפּעריע.)

**דערציילונגען און נאָוועלן:**

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?

פוןביידע זייטן בריק.

די אַוואַנטורעס פון חבר האַמערל.

באַם וואָגזאַל.

באַשעלע. (אַ קינדער־נאָוועלע.)

מענטשן פון באַגינען.

צוריק צום געטאָ. (אַ פייער־פּראָבע.)

דער סאַלטעראָ. (אַ זאַמלונג.)

פאַרשאַלטענער זאַפּט.

האַרבסט-בלעטער. (אַ זאַמלונג.)

דער בעטלער, דער לץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע געשיכטע.)

די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)

נאַראָ. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)

איך — די קלאַאַקע פון אידעאַל. (אַ געשיכטע פון יונג און אַלט.)

**בילדער פון אַפּגייענדן שטעטל:**

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

**סאָציאָלאָגיע:**

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן-איבערשאַצונג.)

קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.

פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט. (אַ פאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע אַרומזוכער.)

חתימת האדם והמענטשהייט. (אין אָפּגרונט פון פעלקער און צייטן.)

**טרילאָגיע: פּופּציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע:**

באָלוואַנעווקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)

מסעות פּליגלמאַן. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)

על חטא שחטאתי בראַטנפּאַרבאַנד. (ראָמאַן, אין דריי טיילן.)

**מעמואַרן:**

ליבאַוויטש, און די וועלט. (אַ שפּיגל־בוך פאַר דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ.)

ליבאַוויטש רעדט צו דער וועלט. (ווידוי־מעמואַרן פון איינעם, שיצאָ ולאַ חזר.)

**איינזאַמלונגען:**

אומעט. (אַנטיסאָציאַלע לוסט-געשיכטן.)

די מענטש־סימפּאָניע. (פּאַראַדאָקסן, אַפּאָריזמען, עסייאיזמען.)

מענטש — אוניווערס. (עסייאיזמען, אַפּאָריזמען.)

דער אומדערהערטער הער אומזין. (עסייאיזמען, אַפּאָריזמען.)

חבר צבי יהודא רבינוביץ,
א מתנה

— 1 —

דאָס האָט געדאַרפט פּאַסירן: אַן ערד, אַרום יאָר 1918 און ווייטער... אין אוקראַינע האָט געפירט שטאַט — מיט דער הילף פון די דייטשן און עסטרייכער — דער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי. אָפּן דאָן און אין קובאַן האָט געהערשט דער קאָזאַקישער „באָלשאָי וואָיסקאָוואָי קרוג”: אַ פּסעוודאָ־קאָמוניסטיש און פּאַקטיש — פאַשיסטיש סיסטעם; אונטער דער קאָמאַנדע פון די לעצטע רעשטן צאַרישער רעאַקציע, מיטן גענעראַל אַלעקסעיעוו אין שפּיץ; וועלכע האָבן, דאָרטן, (אין יענעם פאַרבליבענעם ווינקל — פון דעם אומענדלעך־גרויסן רוסלאַנד, וואָס האָט זיך שוין געפונען אין באַזיץ פון די באָלשעוויקעס,) געזוכט אַ מקום־מקלט פאַר זייערע צעשלאָגענע באַנדעס; און, אויס דאָרטן טאַקע, — נאָכאַנאַנד אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די באָלשעוויסטישע לעגיאָנען, וועלכע האָבן, פון זייער זייט, עקשנותדיק אָנגעגריפן, אויס יענער זייט קובאַן... די קאָזאַקן, ווי געזאָגט, האָבן געקראָגן, שיר־נישט — קאָמוניסטישע רעכט אַף דער ערד און אין דער פאַרוואַלטונג פון די שטעט און סטאַניצעס. דערפאַר: האָבן זיי געדאַרפט געבן זייער בלוט „אין הייליקן קאַמף, פאַר דער מאַטושקאַ ראַסיי”; און אין אַלע „פרייע” קאָזאַקישע ראַיאָנען האָט: פאַרן טיטל „טאָוואַרישטש”, געדראָעט מיט טויט־שטראָף...

אומעטום, נאַטירלעך — אין די אַלע געוועלטיקייטן, אויפגעדעקט און פאַרשטעלט — האָט געשטעקט די האַנט פונעם דייטש. אָבער: מע האָט שוין געשפּירט אין דער לופטן דעם שיקערן רייץ פון פרילינגס־ווינטלעך, אומעטום; די פרייד פון באַפרייטער ערד, וואָס מאַכט צעגיין די שנייען; דערלייזונג רוקט זיך אָן, זי גייט, זי קומט... די פרייד האָט גערעגט בא אַלעמען די נאָזלעכער, געקיצלט, געשטיפט. איז מען, פאַרייַנמאָל, יונג געוואָרן — סיי אַלט, סיי יונג; זיך־פאַרגלוסט: לאַכן, זיין לוסטיק. זאָרגלאָז, מיטאַמאָל; (הגם, אַליין, רעכט נישט געוואוסט — פאַרוואָס;) — פייפן אַף דער וועלט!... דאַקעגן, דעם שונא, — האָט דאָס אַלץ גענומען מאַכן — נערוועז, צעמישט, צעדרייצט און פאַרווירט. ער איז געבליבן — צעשראָקן אַף טויט. געשפּירט: „...ווי די געפאַר רוקט זיך אָן אַף אים — פון אַלע זייטן: פון דער ערד אַליין אפילו, וואָס נעמט אים שוין ברענען די טראָט, די פיאַטעס פון די פיס...; אַז קיין רעטונג פאַר אים איז אין ערגעץ נישטאָ, — וויבאַלד אַז ער נעמט נישט און ער ציט אָפּ, באַצייטנס, אַליין — איידער מע גייט אים ברענען פון אומעטום!...

**באַטש: אין פלוג, דאַכט זיך — סיינער טשעפּעט אים נישט; מע קוקט זיך** אפילו אַף אים רעכט נישט אום; דאָס פאָלק גייט אום: אַזויווי פאַרשלאָפן, פאַרטון אין זיך... נאָר פלוצלינג, דערוואַכט עס; טוט עס אויסברעכן, מיט קינד און קייט, מיט אַזאַ לוסטיקער גליקלעכער פרייד — וואָס שניידט אים, דעם שונא, באַם האַרצן; מאַכט באַ אים פאַרגיין דעם אָטעם מיט שרעק; פאַרקילן זיין בלוט אין די אָדערן; אַזש ער פאַרנעמט שוין אין דער טייפלשער פרייד — דראָענדע טענער פון טויט!... אָ! דאָ וועט שוין נישט העלפן מער קיין טעראָר, אָניאָגן אַ פּאַניק אַפן פאָלק!, — ווי ביז איצט האָט זיך געפירט; געגעבן גוטע פרוכטן, די גאַנצע צייט... אָבער — נישט אַצינד, מער: ווען דאָס פאָלק האָט, ווי איבער נאַכט, דערוואַכט פון דער שרעק; אויפגעשטאַנען — אַנדערע, ווי מע האָט זיך געלייגט; פאַרלאָרן צו אים, דעם שונא, יעטוועדן רעספּעקט; פּשוט, מע לאַכט אויס זיין קאָפּ!..״

און אַזוי האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן, גאָר אינגיכן — דער געלויף פון די דייטשן, אוים אומעטום; און קינדער, מיט די הוילע הענט, זאָלן זיי נאָכיאָגן — די נעכטיקע העלדן; אויסטון נאַקעט ביז צום העמד; נישט אַלעמאָל, זיי אָפּלאָזן מיטן לעבן...

עס איז געגאַן אַ צייט פון צווישנהערשאַפט, פון בין־השמשות, פון כאַאָס. קיינער האָט נישט געוואוסט: וואָס דער פאַרכמאַרעטער מאָרגן טראָגט אין זיין שוים; און באַזונדערס — די אידן אַף דער אוקריינע: אַוואו עס האָט זיך שוין גענומען צייכענען, אין ווייטער פילבאַרער פאָלקס־אַנונג, דאָס שוידער־ברענענדע בלוטיקע געשפּענסט פון אַ פּעטליו־ראַ.......... אויך די אַנגעלאָפענע אידן, אוים אַלע עקן רוסלאַנד — אַפן דאָן, — האָבן געציטערט, בשכנות צווישן די אום־היימלעכע קאָזאַקן: די נעכטיקע פּאָגראָמשטשיקעס — פון זינט הערן און געדענקען, פון די אַלטע צייטן... „וועלכע — פון זייער זייט — האָבן קיינמאָל אַזויפיל זשידעס־באָלשעוויקעס־מיטאַמאָל נישט געזען באַפלעקן זייער היים; געקוקט, ווילד־צערייצט, אַף די פרעמדע; געשפּירט: אַז עס בייסן זיי די לאַפּעס; קוים איינצוהאַלטן דעם צעבושעוועטן שטורעם אין דער ברוסט; אַז זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אַף די גאָט־פאַרדאַמטע יודאַשן — וואָס האָבן פאַרכאַפּט די הייליקע רוסישע ערד! — זיי אַף שטיקער צערייסן, די אַנטיקריסטן; זיי צעפּערטלען! און די שטיקער אַריינשלייַדערן, זיי אָפּלאָזן מיטן בלויען שטראָם פונעם דאָן; אָפּוואַשן זויבער מאַכן אונזער פאַרומרייניקט קאָזאַקיש לאַנד....״

איז: אַ גרוים „גליק״ מיטאַמאָל האָט דאָן געטראָפן דער אַף־טויט־איבערגעשראָקענער דאָנער אידישער געמיינדע. עס האָט, אין מאָסקווע, די עסעראָווקע דאָראַ קאַפּלאַן — אַ געבוירענע אין ראָסטאָוו — דורכ־

געפירט, באם אריינגאנג אין „באלשאי טעאטער״, דעם באוואוסטן אטענטאט אף לענינען, און אים געפערלעך פארוואונדעט... האט דאס אויסגענוצט, זייער געשיקט, דער דאמאלסטיקער ראסטאווער רב, וועלכער האט באהערשט גוט די רוסישע שפראך. איז ער ארויס מיט א לאנגער הייסער אפאלאגעטיק (אז אך און וויי!) אין דער שטאטישער צייטונג „פריאזאוסקי קראי״, וואו ער האט זיך באמיט צו דערווייזן: „אז נישט אלע אידן — ווי מע זעט — זענען מיט די באלשעוויקעס, די פארדאמטע שונאים פון רוסלאנד... אז אט איז געקומען אונזערס א קינד, דארא קאפלאן — א טאכטער פון א ראסטאווער אידישן שניידער — און זי האט אוועקגעגיבן איר יונג בליענד לעבן, צוזאמען מיט אלע אמתע זין און גרויסע העלדן פון רוסישן פאלק — פאר דער באפרייונג פון דער הייליקער רוסישער ערד, אוים די טמא׳דיקע לאפעס פון די פארשאלטענע פון גאט און פון לייט, די אוממענטשלעכסטע באלשעוויקעס־בעסטיעס!... איצט, לאמיר זען: פארוואס האט זי דאס געטון — אט די שטאלצע טאכטער אונזערע און די קרוין פון אונזער קאפ, די צארטע און אומשטערבלעכע מארטירערן דארא קאפלאן? — פארדערפאר: ווייל איר הארץ האט אין איר געבלוטעט — פון דער שאנדע, וואס מע האט ארויפגעווארפן אף איר גאנץ אידיש פאלק, מיט דער מוראדיקער שענדלעכער שולד: אז עס האט זיך פארקויפט איינגאנצן — מיט דער נשמה, מיטן לייב און מיט דער זעלע — צו די טייפלשע באלשעוויקעס, כדי, צוזאמען מיט יענע שונאים, אומצוברענגען אונזער גרויס היים-געליבט־אומשטערבלעך און הייליק רוסלאנד!... און אז זי האט צוגעזען אט די פאלשע און אומבארעכנטע העצע פון אונזערע ברידער, די רוסן, קעגן איר ארעם אומגליקלעך אומבאהאלפן און באדראעט אידיש פאלק, (וועלכעס איז באקאנט, זינט דורות, מיט דער טרייהייט צום לאנד, וואו עס געפינט זיך, און צו די מלכי-חסד שליט״א: ווי עס הייסט אונז דער הייליקער תלמוד: זיי בענטשן, מיטן גאנצן הארצן, און אף זיי תמיד גאט בעטן, פאר זייער לעבן מיט געזונט און מיט הצלחה), — איז זי געקומען, יענע יונגע צארטע בלום, אונזער ראסטאווער געבוירענע און (נאכאמאל, מיר שטרייכן אונטער,) אונזער פאטריאטישער שטאלץ — דארא קאפלאן, און באשלאסן: — נישט צו רוען מער! און, מיט א שמייכל, גיין דעם טויט אנטקעגן! און אפגיבן איר יונג צארט לעבן — א קרבן פאר איר געפלאגט אידיש פאלק, פון וועמען זי וועט די שאנדע אראפנעמען, מיט־דערמיט! און טאקע אויך א קרבן — ווי אן עכטע אידין און, במילא, פייערדיקע רוסישע פאטריאטין — פארן גרויסן הייליקן רוסלאנד!... איז זי געקומען — זאגן מיר נאכאמאל — און, מיט א שמייכל אף איר איידל צארט געזיכט, געווארפן די דערלייזערישע באמבע אף אט דעם גיהנומדיקן אויס-

וואורף דעם מיראַן לעניַן — אונזער אַלעמענס געפערלעכסטער שונא, ימח שמו ונמח זכרו מלהזכירו! — כדי, ווי געזאָגט: צו באַפרייען די הייליקע רוסישע ערד אויס די פאַרפלוכטע באָלשעוויקעס! ולהשומע יִנעם (האָט דער אַרטיקל-שרייבער צוגעגיבן, צום סוף, אַף לשון־קודש און, גלייך אַפן אָרט, עס איבערגעפירט אין רוסיש,) ותבוא עליו ברכת-טוב, אָמן...״

איז: אָט דאָס אַנטיקל, מיט דעם צלם'ען־זיך אָן אויפהער, פון יענעם געשייטן ראַסטאָווער מליץ-יושר — דאַרף מען צו־גיבן: האָט, אין יענער מבולבלער צייט — ווירקלעך, דאָרט געהאָלפן — אַביסל אויסלייטערן די לופט; וועלכע האָט שוין שאַרף מיט שוועבל גע־שמעקט, אונטערן דרוק פון דער נידעריקער בלייערנער כמאַרע אַף אי־דישע קעפּ...

— 2 —

געווען איז דאָס, ווי געזאָגט: אַ צייט פון אומרו און אומזיכערקייט; פון אַנגעלאָדענער לופט מיטן אומגעריכטסטן; פון היום הרת עולם... איך: דאָס מילחמה־קינד — אַ זון פון אַ קליינבירגערלעכן באָדגלאָזן שיכט, (אין דעם שטעטל שמידאָוויץ דוואָלין,) פון אַ צערודערטער באָדגלאָזער צייט, — אַליין, אַ געוויסנלאָזער צוגעלעגערטער אינטעליגענט, — האָב — ווי דער גאָסן-ווינט, אַפן קרייץ-ראָג, — מיך געהאַט גערדרייט און געקערט — אין אַלע זייטן; געשמעקט און מיך-געלעקט — צו יעדן. אָט, בין איך געווען — לינק. אָט, בין איך געווען — רעכט. אָט, האָב איךביידע, רעכטס מיט לינקס, אין מיין ברוסט פאַרוויקלט; געטון זיי מאַכן זיך־אומ־אַרמען; זיי געלייגט שלאָפן אין מיר — אַף איין געלעגער; זיי נאָך צו־געוויגט, מיט אַ ניגון; און איך אַליין האָב מיך פאַרנומען, פּלוצים — גלאַט, צום טיוול; צו הפקרות... אַזוי לאַנג, — ביזוואַנען ביידע אַנט־שלעפטע עקסטרעמען אין מיין האַרצן האָבן זיך צעבויקערט אין חלום; דערוואַכט — צערייצטע; באַניים, אין מיר, דעם פיינעם יונג, אויפגעהויבן אַ טומל...

„וואוהין אַנטלויפט מען — פאַר דעם אַלע־מען?!״ — האָט זיך, איינמאָל, אין מיר גענומען טראַכטן „ערנסט״; (מסתמאַ: דער זשוליק דער אימפּולסיווער „איך״, מיט זיין אָנשטעל; אים זיך, אַ וודאי, געמוזט פאַרבענקען צו אַ שפּאָגל-נייער אַוואַנטורע... איז, אדרבה: באַלד, בין איך געווען אַ בעלן הערן — וואָס ער פּלאַנעוועט, אַ צ י נ ד . . . „— דיקטיר, ליידאַק; אַרוים — מיט דיין ערנסט!...״ — האָב איך מיך געזעצט, גרייט אים אויפצונעמען... און ער, כלעסטאָ־קאָוו מיטן בייטשל, האָט גענומען שיסן...) „— וויפל איז דער שיעור אַרומצובוידערן תמיד, ווי אַן אויסגעקראַכענער הונט, צווישן הימל און

ערד? אפשר: ווען מע נעמט זיך איינמאָל אָן מיט מוט, מע גייט זיך פאַרפלאָנצן אין ערגעץ, אָנהויבן דיין לעבן פון דאָס שפּאָגל נײַ?... הא, וואָס זאָגסטו דערצו, מיין פריינט?...״

איך, (דאָס הייסט — די באַוואוסטזיניקע טייל אין מיר, מיין שוואַכער געדאַנק,) האָב אים שוין אפשר ג ע אַ נ ט אביסל, דעם אויסוואורף וואָס שטעקט אין מיר: וועלכער מאַכט דיר בלומרשט דעם אומשולדיקסטן אָנשטעל אין דער וועלט: ווי ער פרעגט באַ דיר; אַ שואל בעצה, נישט מער; באַרייט גראַד אויסצוהערן און פאָלגן, וואָס דו זאָגסט... נאָר, אין דער אמת׳ן: אַז אים, דעם בלינדן עיקש, האָט זיך פאַרוואָלט אַ הוליע-טון, — איז — ווי צו דיר, דעם גאַנצן „באַוואוסטזיניקן״ יאָלד, וועט עס זיין, — ווען דו וועסט זיך נאָר פּרואוון שטעלן אַנטקעגן... אם־כן, איז „— וו אָ ס — די עצה? אים נאָכגעבן, דערווייל; אים לאָזן גיין. שפּעטער — וועסטו זעען, וואָס מע האָט צו טון...״ דער גייער תכלית, מיט דער פאַרפלאָנצונג, פאַר מיר, דעם באַדגלאָזן אינטעליגענט, — איז גע- ווען דאָן פאַרבונדן — מיט פּאַלעסטינע... און איך? ווי געבראַכט אויבן — געזאָגט און געטון...

אין כּאַרקאָוו האָט זיך דאָן געהאַט איינגעאָרדנט דער צענטראַל-קאָ- מיטעט פון „החלוץ״; און א ו י ס ד אָ ר ט, האָט ער אָרגאַניזירט די הכשרה פון יוגנטלייט — אין די אַלטע אידישע קאָלאָניעס פון כער- סאָנער גובערניע. דאָרט, האָבן די חלוצים — אַ ס ע ז אָ ן צ יי ט — זיך־אָפּגעגעבן מיט פּראַקטישער טואונג, באַ די אידישע קאָלאָניסטן אַף די פעלדער; געכאַפּט דעם שניט פון דער אַרבעט; פון דאָרט־ווידער, האָט מען, דערנאָך, געדאַרפט פאָרן קיין אָדעס: דורכצומאַכן אַ קורס טעאָרע־ טישע צוגרייטונג־אויסבילדונג, אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן אינ- זשעניר־אַגראָנאָם זוסמאַן; און נאָכהער — שוין אַ מלא וגדוש מיט טעאָ- ריע און פּראַקטיק, ווי אַ מילגרוים, — איז דער יונגער חלוץ, פון דאָרט גלייך, געוואָרן באַזאָרגט קיין פּאַלעסטינע...

פאַר מיר — אַ שמוגלער באַ די דייטשן, אַ ווינט אין פעלד; בכלל, אַ הפקר־קינד; נישט געהאַט די השגחה פון טאַטע-מאַמע, נישט געדאַרפט פרעגן באַ קיינעם, — איז דאָס פאַרפאַלן ווערן פון דער היים — אין יענער צערודערטער צייט — אַף אַ יאָר, אַף צוויי יאָר, צי גאָר אַ ף א יי ב י ק, — אַ וודאי, געווען פון די קלענסטע זאַכן; אָט, אַזוי ווי דאָס שטויבעלע אַפן וועג... זי, די הפקר-צייט, געוויס, (אַ, ווי מע האָט עס דאָן צוגעזען — נאָך וויאַזוי!) האָט אונז אַלעמען געקנאַטן באַגלייך; כאָטש: איטלעכן — אַף זיין שטייגער: דעם טאַטן, דער מאַמען, צי מיך... איך האָב געוואוסט: אַז, קוים ווער איך פון דער היים פאַרפאַלן, — וועט מאַמע זיין — גוט פאַרפאַלן!; א ו ן ג אָ ר אַ נ ד ע ר ש, (הייגט-

צו־טאָג,) וועט בײַ צעטראָגענע און צעדריקטע טאַטע־מאַמע — (ביידע — קינדער פון אַ איידעלן פאַרנעם: זי, פון לויטער יחוס — כלי קודש, רבנים, חזנים, חסידים, גריילעכע לומדים; און ער — פון גוואַלדאַוונעם יחוס עצמו, אַ טיפער קאַצקער חסיד און למדן!) — אויפשלאָגן די זאָרג, אין אַ צייט אַרום, ווען זיי וועלן זיך ערשט דערוויסן דערפון, — ווי ווערליק דאָס בראָך וואָלט זיי געוועזן געטראָפן — אין אַנדערע, מ ע ר ס ט אַ־ ב י ל ע ר ע י אָ ר ן: דאַן, ווען מיין מוטער, מיטן גרויסן פאַרקנייטשן שטערן, האָט געקאָנט נעמען איר לויטערן געדאַנק אין די הענט אַריין; זען, זיך־אַרומקוקן, וואו מע איז דאָ אין דער וועלט; באַווייזן אויך מיין טאַטן, ד ע ם ג ר ו י ס ן ק י נ ד, דעם ווע... יאָ, אַזוי וואָלט צוגעגאַן — אין אַנדערע, ר ו א י ק ע ר ע, צייטן... „אָבער א י צ ט — וואויל איז צו דיר! — ווער וועט עס זאָרגן פאַר דיין גע־ביין?...״

•

איך געדענק ניט גענוי, וואו איך האָב מיך דאַן געפונען אַליין, אין ערגעץ־הינטערוועגנס, מיט מיין שמוגל. האָט מיך אַ פּאַק־געטון דער אימ־פּולס, — איז — ליקווידירט אַלץ! און אָט בין איך שוין אין כאַרקאָוו... „דעציִדירט, איז דעציִדירט. קוק, חברל, נאָר פאָרויס!...״

דערליידיקט אַף שנעל, וואָס מע דאַרף, — און איך פאָר פון דאָרט, מיט אַ שלעפּ-צוג, קיין דאָברינקע: אַ זאַמל־פּונקט פאַר חלוצים, אין כערסאָנער גובערניע, פונוואַנען מע צעשיקט די חברה — אין די אי־דישע קאָלאָניעס פון דער געגנט: באָבראָווי-קוט (געבורטס־אָרט פון ש. פרוג;) נאָווא פּאָלטאַווקאַ, און אומציִיליקע אַנדערע.

דאָרט, אין דאָברינקע — זעט אויס — האָט מען זיך אַף אונז אַלע, די אָקאָרשט-אָנגעקומענע, גאָרנישט געריכט. געוועזן אַזויפיל! עס האָבן געשפּאַנט אַהין יונגעלייט — אויס אַלע עקן לאַנד!... ביז אַפּצומאָרגנס, איז נישט געוועזן זיך, וואָס צו ריכטן — אַז מע זאָל אונז שיקן אין ער־געץ... געקומען אַף דער נאַכט — אַ פרישע אָנהויב־זומער־נאַכט, אין אָפּע־נעם סטעפּ; געכאַפּט אַ ציטער; נאָר — נישט געוועזן זיך, וואו אַהינצוטון; קיין שטיקל דאַך איבערן קאָפּ!... זי, די חלוצים-ביוראָ אַליין, איז געוועזן — אַ ענגע אָפּלייז־בודע, נישט מער. „וואָס טוט מען?...״

אַ יונגע קרעפּטיקע אידישע מויד — פון דעם זאַמל־פּונקט — האָט אונז אָנגעוויזן אַף סטויגן היי איבערן פרייען פעלד: „וואוהין מיר קאָנען זיך גיין איינגנורען; איבערשלאָפן די נאַכט...״ געזען: ווי איך קווענקל מיך, — האָט זי זיך צעלאַכט, מיט איר מעכטיקן בלאַנקנדן פּיסק, און מיך — „דעם שעמעוודיקן שמעקעדיקן מיידל, דער צאַרטער בלום״ — פאַרזי־כערט: „אַז איך מאָג שלאָפן רואיק; ווייל קיינער, חלילה, וועט מיך נישט

קומען פארטואלטיקן... הגם (האט זי צוגעגיבן, מיט ביטער-חוזק אינגע-טאן) איך האב עס זייער־גריילעך פארדינט... נאר: מיר זענען — אי-דישע קינדער, בני רחמנים; מיר משעפען נישט קיין אומשולדיקע...״

אירע פיילן אין מיין זייט האבן ארויסגערופן א היל-ביק געלעכטער בא חברה יאטן ארום. נאר, זי אליין האט זיך שוין געהאט אפגעקערט פון מיר; גאר פארגעסן מיין ארעמע עקזיסטענץ אף דער וועלט...

שווער איז בא מיר אדורך, נאך ד ע ם מי־שברך, יענע נאכט. איך בין געשלאפן שווער; און קאשמארעוועט נאך שווערער. נאר, ווי עס איז, דערלעבט דעם טאג, — און מע האט אונז, א גרופע א גאנצע, באלד אפגעטראנספארטירט — אין א נאענט-ליגנדער קאלאניע, קיין בערעזני-גאוואטאיע...

...אט די אלע אידישע קאלאניעס פון יענער געגנט — אזוי איז דארט אומגעגאן די ווערסיע — זענען געווארן פארלייגט, נאך מיט קאר-גע הונדערט יאר צוריק — דורך די אזויגערופענע קאנטאניסטן, (די גע-וועזן־געכאפטע אידישע קינדער פאר סאלדאטן,) וועמען מע פלעגט פאר־שיקן קיין טיף-ראסיי, אף גאנצע פינף-און-צוואנציק־יאר, דינען דעם קיסר. איז, דער רוב פון זיי איז שוין דארט פארבליבן אף די ערטער, וואו זיי האבן זיך אויסגעשמדט. נאר, דער מיעוט האט זיך איינגעהיטן; און אהיימגעקערט צום אידישן גאט און צום פאלק... דאן, האט זיי ניקאלאי-קע דער ערשטער, ימח שמו!, (וועלכער איז, כידוע, געווען דער פארפא־סער פון דער גזרת-הקאנטאניסטן,) אויפגעזאמלט; און זיי געגעבן ערד אין דעם כערסאנער קאנט: „וואוהין זיי זאלן זיך קומען באזעצן; און אויך קענען ערלעך־האלטן, אומגעשטערט, זייער זשידאווסקע גלויבן...״

איז, הייסט עס, איצט, זענען מיר דאס געפארן — צו זייערע איי־ניקלעך, (פון יענע קאנטאניסטן,) אף הכשרה; און עס איז, טאקע, דא-רום, געווען טשיקאווע צו זען: וויאזוי זיי קומען עס פאר...

געטראפן האבן מיר אין בערעזניגאוואטאיע — א גרופע יונגע קרעפ־טיקע קאלאניסטן, פון ביידע געשלעכטער; (זיי האבן אונז אפגעווארט און אויפגענומען;) מאדערנע מענטשן — אלע; פולשטענדיק־באוואוסט־זיניקע ציוניסטן; אייניקע פון וועלכע האבן אפילו גערעדט צווישן זיך פריי העברעאיש... דאס איז, באמת, געווען פאר מיר א דערפרייונג. „...מענטשן פון קולטור; עס וועט זיין, מיט וועמען א ווארט אויסצורע-דן...״ — האב איך, טיפש, מיך (גלייך־אומגעקלערט; נישט־באַרעכנט, וואס איך גיי דא טון,) געלאזן צו זיי באקענען. און דאס איז שיר נישט

**נעוואָרן — מיין אומגליק; ווי מע וועט באַלד ווייטער זעען אַליין...**
נעבראַכט האָבן זיי אונז, אַף איבערצוזיין דעם טאָג, (עס איז געווען
— ערב „גאַריאַטשאַיע ווערמיא ראַבאָטע"; די קאַלאָניע האָט זיך גע-
האַלטן אין גרייטן;) — אין זייערע היימען: אויסערסט־ציכטיקע, הגם —
זייער־ענגע, פּויערים־שטיבלעך, צווישן זיי — אפילו מיט שטרויענע דע־
כער. דאָרט, האָבן זיי אונז געדאַרפט אויפנעמען — מיט מיטאָג... דער־
ווייל: אונטערגעזעסן אַביסל, זיך־אָנגערעדט; אויסגעהערט אפילו, אַפּן
ניכטערן מאָגן, א קאָלאָניסטיש ליד, (בפירוש, זייער זיס און זאַפטיק גע־
זונגען,), — האָט געגומען ווערן — האַלבער טאָג! מע האָט זיך געדאַרפט
משער זיין עמיצער, (וויבאַלד מע איז נאָר נישט קיין ציניקער;): „אַז
באַ אונז, די געסט די חלוצים, פאַלט אַרויס דאָס האַרץ — פון הונגער:
נאָכן האָבן אָנגעהעצקעט זיך אַזויפיל — פון דאָבריגקע, ביז אהערצו; אַז,
זינט אונזער אַרויספאָר פון דאָרט, — האָט נאָך קיינער אין זיין מויל גיט
געהאַט — אַ חוץ דאָס אָנפּרעסן זיך מיט שטויב, איבערן זוניקן שליאַך
צו דער קאָלאָניע..." אָבער, ווענן עסן — אין קול ואין עונה. נישט מע
הערט; נישט מע זעט... דאָרט, א פּנים, (לאָז זיין: באַ
די מ אָ ד ע ר נ ע ציוניסטן; דאָס הייסט — אונזערע חברים־לדיעה-
גענאָסן,) האָט, ווי אומעטום, געמוזט גילטן דער כלל: זרוק חוטרא אַאווי-
רא אַעיקרא קאַי... וויבאַלד אַז קאָלאָניסטן זענען זיי דאָך פאָרט גע-
ווען און פאַרבליבן, — האָט די וויסטע פינצטערע פּויערישע קאַרגשאַפט
(דער פּראָדוקט פון זייער שטייגער-לעבן; די באַדינגונגען, וואָס בילדן
אויס, אייגנטלעך, דעם מענטשן, אָט ווי ער איז: בלי כחל ובלי שרק, נאָר
נאַקעט און עקזאַקט,) געמוזט פאַרבלייבן מיט זיי און (פאַרשטייט־זיך:
זאָגאָר — קעגן זייער באַוואוסטזיין, דאָס הייסט, אָן צו געבן־זיך אליין
אַ רעכענונג דערפון) — שטרענג קאָנטראָלירן אַלע זייערע טואונגען,
טראַכטונגען; אין דעם כלל, געוויס — אפילו זייערע פלאָמיקסט־איינגע-
האַנדלטע אידייען... „...ווי הייסט?! (האָט זיך אין זיי, דאַמאָלס, געמוזט
טראַכטן; אַזוי ווי אָפּגערעדט — אַף איין לשון; ממש — אין די זעלבע
ווערטער: מיט דעם גאַנצן שטייגער-טראַכט פון דער דאָרפישער פּויערן־
מאַסע;) נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט — גיב זיי פרעסן! פאַרוואָס
קומט עס זיי, די שנאָרערס, וואָס שלעפּן זיך אַרום אַף דער וועלט, ווי
די אַנשיקעגישן? ווער האָט זיי גערופן? ווער באַדאַרף זיי דאָ האָבן?!."
אָט דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגן — געאָלאָגיע! פעסטער פּויערן־אינס-
טינקט!... „...וועלכן וועסט, מיט טויזנט העק, נישט אויסדלאָבען. האַרט,
ווי דער שטאָם; און דורכגענומען מיטן מאַרך פונעם ביין. אהין, חבר —
מיטן שווינדל פון דיין אידייע, קריך נישט. עס איז אומזיסט די מי.
**ווייל — מירן נישט צולאָזן... ציוניזם — א ה י ן, א ה ע ר... דאָס**

איז אַן עסק — פאַר האַלעדראַנצעס! מיר, פון דאַנען — פון אונזערע זיידעס ערד — ריין זיך נישט! אַזויפיל שטורעמס דורכגעקומען, — וועסטו אונז פון דער ערד — מיט קיין פלאַמען, מיט קיינע בראַנדפייערן ניט פאַרטרייבן! ווייל — גישט קיין ציגיינער זענען מיר, בא וועמען עס איז רעכט: היינט — דאָ; מאָרגן — דאָרט; פאַלעסטינע, עק וועלט... ניין, ברודערקע. מיר זענען — בעסאַנער אידישע פויערן! אַף דער בעסאַנער ערד האָבן געלעבט אונזערע זיידעס און געשטאָרבן. דאָ רעכענען מיר פעסט צו פאַרבלייבן!..." דערפאַר, האָבן זיי געזונגען — יענע, בפירוש-וואוילע אידן, אַן טיטלען-עטיקעטן; דאָרום-אָבער, מיט עכטן פאָלקסטימלעכן פאַטאָס:

„...אך, ווי שיין און ווי פיין עס וועט זיין, אז משיח וועט קומען צוגיין. איר מאָגט מיר גלויבן: געבראָטענע טויבן, וועלן פליען גלייך אין מויל אריין. עס וועט דאַך קומען אַזאַ צייט, ווען מיר אידן וועלן אויך ווערן לייט. איר מאָגט מיר גלויבן א. א. וו. אוי־ווייי, טאַטע; מיר דאַנקען דיר, לעת-עתה; אוים — סטעפּאַנקעס, אוים — איוואַנקעס, קומען וועט משיח. אוי־ווייי, פאָטער; מיר זענען דאַך שוין פּטור; אוים — ניקאָלקעס, אוים — מיכאַלקעס, קומען וועט משיח. מיר וועלן טאַנצן; מיר וועלן פריילעך-זיין; אָ, פאָטער, פאָטער, ווי דערלעבט מען דאָס? עס איז דאַך אמת; אוי, אמת איז דאַך דאָס — אַז יעדער איד וועט זיין בא זיך אַ באַלעבאָס..."

נאָר, צו קיין עסן איז דאָס אַלץ נישט געקומען. און אַגב, זענען מיר דאַך דאָרט געווען — פרעמדע; נישט געוואוסט, דערווייל — וואו אַ קער צו טון זיך. דער ווילדער אפּעטיט האָט געפאָדערט זיינס!... „...איז — הכול כמנהג המדינה! אויב דאָ איז אַזוי פאַרפירט אידיאַטיש-שטרענג: אַז ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט, — איז — אויך די אייגענע מעשה. קיין מורדים, חלילה, זענען מיר נישט. נישט געקומען איבערדרייען דאָס לאַנד. בלייבט אייך געזונט און שטאַרק — איר, אויפגעקלערטע לייט! — בא אייער טעמפּער אומדערקלערלעכער קאַרגשאַפט, ווי געווען. נאָר — אונז זאָגט: — וואו מע קאָן דאָ קריגן עפּעס, פאַר מזומן?..."

מיר זענען געזעסן אין אַ ברייטן הויף און באַלאַקעט, — אַז עס האָבן זיך אויפגעהויבן אייניקע אונזערע; געשטעלט די אויבנדערמאָנטע פראַגע; און — דעצידירט, זיך נישט-קענענדיק דערוואַרטן אַף קיין קלאָרן ענטפער, — זענען זיי אַליין אוועק זוכן...... דאָס האָט, קענטיק, אונזערע קאָלאָניסטן געבראַכט אין אַ פאַרווירונג... אייניקע פון זיי, אפילו — די נאָר-גראָביאַנישע — האָבן געפּרואווט נעמען אָפּחוזקן פון אונזערע אוועקגעגאַנגענע חברים „...מיט די שמאָלע פּאַרשפּיצטע פּלייצעקעס..."; זיי

נאָכגעמאַכט: „...ווי נישט — זיי ציען, נאָר — זיי טענצלען, האָפּקען צו, האָפּ-האָפּ!...״ נאָר די איבעריקע — מער־באַדענקלעכע — האָבן יענע רויע קעפּ גלייך אָפּגעזעצט, געמאַכט שטום; און מע האָט — ענדלעך, אין אַ גוטער שעה — גערופן דעם עולם עסן...

אָבער: די צרה איז, נאָכן עסן, געבליבן די זעלבע. מע האָט צום טיש דערלאַנגט — אַ קרענק! (ווייזט אויס: אַז זיי אַליין זאָלן האָבן טועם־געווען — ערגעץ במסתרים...) דערביי, האָבן בא די דערלאַנגער, אומפאַרהוילן, געציטערט די הענט, פאַר שרעק: „...ווי מע קומט עס פרעסן זייער לעבן!...״ נאָר — שוין. אַ גליק: וואָס עס איז געווען — דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל!...

באַלד נאָכן עסן, האָבן מיר זיך ווידער אויפגעקליבן — אונזער גאַנ־צע גרופּע — אינעם זעלבן הויף; און פון דאָרט, אומפאַרזאָמט, האָבן די ציוניסטן אונז אַוועקגעפירט — אין סאַלאָן פון דער אידיש-העברעאישער ביבליאָטעק, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין דער קאָלאָניע; און וואוהין (לויט עס איז געווען אָפּגערעדט,) עס האָבן געדאַרפט קומען — אַנדערע, פּראָסטע אידן־קאָלאָניסטן, (נישט קיין ציוניסטן: ווייל זיי, אונזערע חברים, האָבן גראָד קיינעם פון אונז נישט באַדאַרפט; פאַרמאָגט אַליין אַרבעטס־הענט גענוג...) און אונז צונעמען צו זיך אַף אַרבעט...

דער חשבון, אַז מע וויל וויסן, איז דאָ געווען — באַלד אַף דער האַנט... פאַר זיי, די ציוניסטן, (וועלכע האָבן אונז, אגב, דערלאַנגט אַזאַ קאַלטע פרעמדע אויפנאַמע,) האָבן מיר נישט געקאָנט טויגן פאַר קיין אַרבעטער; און ווי זיי אַליין האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעכאַפּט פאַר לייטן: „— דאָ דאַרף מען געבן אַ פּלייצע!...״; נו, האָבן זיי מורא געהאַט: „...אַז מיט אונז, ווי מיט חברים, וועט מען זיך נישט קענען שאַפן... אַנדערש אָבער — האָבן זיי באַרעכנט — וועט עס צוגיין מיט יענע פּראָסטאַקעס, די קאָלאָניסטן. וואָס ווייסן זיי פון אַ מולך? מע האָט אונז אָנגעגיבן צו זיי אין נדן, ווי באַטראַקעס, — און זיי וועלן פון אונז טרייבן די נשמה — פון גאָרנישט וועלן וויסן!...״ „...— ווילסט נישט? איז — פּאַשאָל ק׳טשאָרטו!..״

איז, מיט אַזאַ הויכן קאָנצעפּט וועגן אונז, — האָט מען אונז גע־בראַכט צופירן אין דער דערמאָנטער ביבליאָטעק; וואוהין עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צונויפקומען — יענע אידן-קאָלאָניסטן; און מיר האָבן דערזען פאַר זיך — אידן, מיט אַ מאַמע-לשון! קאַצאַפּעס, מיט רויטע געשאָבענע מאָרדעס, אַזש עס האָט געשפּריצט פון זיי דאָס בלוט — איינס-אין־איינס!... אַראָפּגעקומען זענען זיי אין דער ביבליאָטעק — מיט זייערע בייטשן; געכוואָשטשעט נאָכאַנאַנד און געגאָנטשעט, גע־

ריטשעט-נעברוממ, נישט — געררעדט; און — ווי אף אַ טאַלטשאַק־אַלציינס, צי גאָר אף אַ מאַרק פון שקלאָפן-האַנדל, — האָבן זיי באַטראַכט אונזערע יאַטן — פון אַלע זייטן; געהייסן זיי — זיך־קערן און ווענדן, כסדר; מעשה־מבין, געזשמורעט אף זיי מיט די בליקן: „וויפל, אַ שטייגער, אָט דאָס פערד קאָן געבן?...”; און, לויט דער דאָזיקער אומ־דנאָ — דעם פרייז געביטן; צוגעקלאַפּט; גערופן איטלעכער זיין לאַסט־טהיר גאָך זיך — זענען זיי זיך צעגאַנגען...

געבליבן דער לעצטער — נישט אָפּגעקויפט, — בין נאָר איך אַליין. קיינער האָט מיך נישט באַדאַרפט; אף מיין מאָגער פאַרזעעניש קיין בעלן נישט געווען... אין פאַרלויף פון טאָג, — האָט, נישט איינמאַל, נישט איינער פון יענע אידן געפּרואווט אַ בליק טון אף מיר..., און „— פוי!” — גלייך, מיט פאַראַכטונג, זיך אָפּגעקערט... איצט (שוין באַלד — נאָכן טאָג), — האָט דאָס (ווי איך האָב צוגעזען) געבראַכט מיינע חברים־ציוניסטן צו פאַרצווייפלונג: „...וואָס טוט מען מיט מיר? וואו טוט מען אַהין דעם פגר?!.” זיי האָבן געקוקט אף מיר — מיט נישט־אויסבאַהאַלטענער שרעק; מיט האַס און מיט עקל... איינער פון זיי איז, צו־לעצט, אונטערגעקומען און מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג: „— איך זאָל, אפשר, גאָר באַ זיי ווערן, אף דער קאָלאָניע — דער מלמד און העברע־אישער לערער?!”.... איך האָב אָנגעקוקט דעם למך, מיט אַ שמייכל, און אים באַרואיקט: „— זאָל ער נישט זיין אַזוי פאַרזאָרגט!... איך פאָר גלייך צוריק קיין דאָברינקע!...” דאָס האָט באַ זיי, קענטיק — באַ יענע פריינט מיינע — גלייך אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פונעם האַרצן; און זיי האָבן שוין גענומען אף מיר קוקן, מיט ווייניקער רוגזאָ אין די בליקן...
נאָר איצט, — האָב איך מער ניט געוואָלט וויסן פון זיי; ווייל עס האָט מיך שוין געאיבלט פון אָט דער גאַנצער מגושמדיקער באַנדע מיטאַנאַנדער!... „...וואָס האָב איך דאָ, אַ שטייגער, צווישן די כאַכאָלן, צו טון?... און וואוהין ביסטו, איצט, טייערער תכשיט מיינער, דו ליידאַק-אייגער, פאַרפלויגן? — האָב איך איינגעטענהט צו זיך אַליין, (עס הייסט, צו מיין א י ך - אימפּולס,) מיט ביטול און מיט זעלבסט־פייניקונגס-הנאָה, מיט פאַרגעניגן —: נאָכגעגעבן די אוואַנטורע, — גענוג. וויפל איז דער שיעור — זיך נאַריש צו מאַכן? — אַנו, ברודער מיינער, לייג איין די קראָם; ווייל, מיר פאָרן אַהיים!...”

נאָר — דאָ, א י ן  ד ע ר  ר ג ע , (פונוואַנען האָבן זיי זיך, איצט, דערנומען?) איז, ווי פון הימל, אַראָפּגעפאַלן — אַ דיד-דאַבאַבאַ. זיי האָבן זיךביידע געפערלעך געקראַצט; און ער, דער אַלטער, האָט כסדר געשטעקט די בייטש אין רוקן; דאָרט, גאָרנישט געקאָנט אָנ־רייבן גענוג — אז עס זאָל אים דאָס בייסעניש אָריבער...... „...וואָס איז

דאָס פאַר אַ פּאָרל?!." די אַלטע — אַ שיקלדיקע, מיט אַ פּאָר פייער-צענגליטע באַקן, — האָט געקוקט, פּאַראַמאַל, אין אַלע זייטן און אין ער-געץ נישט; זי האָט געשמייכלט פאַרבלינעט און געטענהט, ווי מיט זיך אַליין: „— איך ווייס? אַלע כאַפּן ציניסטן, — לאָמיר אויך!.." דער אַל-טער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. מיר איבערגעגיבן זיין בייטש — אַ סימן: אַז איך בין — זיינער; אוןביידע (יענע פּאָרל) האָבן זיך געלאָזן אַרויסגיין; איך — נאָך זיי... אַף מיינע פרייענט — די אידעאַליסטן — האָב איך מיך, באַם אַוועקגיין, אפילו נישט אַרומגעקוקט...

אינדרויסן, האָט געוואַרט אַף אונז אַ קיביטקע, (אַ קליין צווויי-רעדערדיק וועגעלע,) מיט אַן אַלטער שקאַפּע. מיר זענען איינגעשטיגן, און צוגעפאָרן צו יענעם אהיים. עס איז שוין געווען — טיף פאַרנאַכט. אַ פּרייטיק. איך האָב מיך אַרומגעקוקט. אַ גרויסער הויף, פאַרוואָרפן מיט ברוכוואַרג אַלערליי; און אינדערמיט — אַ קליינע ליימענע, אַף קאַלך-געווייסטע און איינגעהויקערטע כאַטע, מיט אַ שטרויענעם דאַך... אינע-ווייניק, איז געווען געפּערלעך-ענג און שרעקלעך-שמוציק — נישט צום אַריבערטראַגן!

דערוויילי, האָט די באַלעבאָסטע גענומען צוגרייטן די וועטשערע. דער ריח פון געקעכץ האָט טייפּלש-ווילד מיך אַ צופּ-געטון פאַרן האַרצן — אַ מינוט צום חלשן! לאַנג אויסהאַלטן אַזוי „אומגעגעסן", (נאַטיר-לעך, אַז דער ציוניסטישער אָביעד האָט זיך נישט גערעכנט...) נאָך יענעם צערודערטן טאָג, אַלץ אַזוי — אָפּן שוים פון דער נאַטור, — האָב איך געשפּירט: אַז איך וועל נישט קענען! מיך קוים דערוואַרט...

די קאַלאַניסטקע האָט געגרייט צום טיש. ערשט איצט, האָט זי גע-בענטשט ליכט אין צוויי מעשענע לייכטער; און, גלייך דערנאָך, אונז אַ רוף געטון...... איך האָב געקוקט און געשטוינט. זי האָט דערלאַנגט צום טיש אַ ריזיקע שיסל; (אַזאַ, ווי יענע, אין וועלכער די מאַמע אונזערע, אינדערהיים — אַז מיר זענען נאָך געווען קליינע קינדער: איך, מיין ברודערל און די שוועסטערלעך — האָט זי אונז געפּלעגט צוואָגן מיט נאַפּט דעם קאָפּ, אַלע פרייטיק-פאַרנאַכט, פאַר ליכט-בענטשן...) אָט די מין שיסל — פון וועלכער עס האָט געזעצט אַ פּאַרע, העט ביז צום דאַך, — איז איצט געווען פול ביז צו די ברעגעס מיט זופּ און מיט כלערליי פּאַטראַוועס, וואָס איך האָב זייער נאָמען נישט געוואוסט, נאָר דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו מאַכן שפּרינגען מיין צעקאָכטן מאָגן — ס'קדחת!; און, נאָך איידער איך האָב מיר געגיבן רעכענונג: וואָס דאָ גייט פאָר, — האָט יענע פּאָרל זיך גלייך אַ וואָרף געטון זשליאָקען — פון דער-איינער-דער-זעלבער שיסל, נאַטירלעך; באַלד געבליבן איינגעהילט — אין רויך און אין פלאַמען; אָבער, אַ ף מ י ר — זיך רעכט נישט אַרומגעקוקט;

פֿאַר מיר אַליין — צום עסן גאָרנישט דערלאַנגט! אַזאַ אַכזריות! אַזש איך האָב געמיינט — עס קומט מיין עק!..

געכאַפּט, דער ערשטער, אויף מיין שווערער לאַגע האָט זיך מיין באַ־לעבאָס. ער האָט אַפּערגעבראַכט, אַ ווייסע, זיין צעדולטן קאָפּ — פון דער פּאַרע; אַ ברום־געטון, מיט אַ געפּאַקטן פּיסק, אין מיין זייט — אין דער דריטער פּערזאָן: „— וואָס זיצט ער, ווי אַ ליימענער שטאָלץ, און ער מוילעכצט?! (און דירעקט צו מיר): אַף וואָס וואַרטסטו? — פּרעס!.....”

ערשט איצט, האָב איך מיר געגיבן חשבון: אַז אויך איך האָב אַ חלק אין אָט דער מאַוימדיקער שיסל; און אַז דער חלק מיינער ברענט — סכנת־נפשות, ער איז איינגעשטעלט, — אויך איך גיב מיר נישט אַ ריר, באַ־צייטנס — אים צו ראַטעווען!.. און, נישט טויט־נישט־לעבעדיק, — בין איך אריין אין פירכטערלעכן גריילעכן קאַמף פאַר מיין עקזיסטענץ — ביז לעצט!

באַלד נאָכן אויסטריקענען דעם שיסל־זומפּ ביז צום דנאָ, — האָט זיך דער אַלטער אויפגעשטעלט; פאַרלאָשן די ליכט, דעם נאַפט-לאָמפּ אַפן טיש; מיר אָנגעוויזן, שוין אינדערפינצטער, מיין געלעגער, לעבן אַ פענצ־טערל פון דער כאַטע; געזאָגט „אַ גוטע נאַכט!”; און ערגעץ אַוועק שלאָפן...

נאָר — איך, האָב נישט געקאָנט צו־טון קיין אויג. שלאַנגען האָבן געריסן פון מיין לייב — שמיקער, די גאַנצע גאַנצע נאַכט; זיך געבאָדן אין מיין בלוט!.. קוים מיטן טאָג, בין איך אויפגעשפּרונגען — אַ האַלב-גע־רירטער פון זינען, מיך אַרומגעקוקט... איבער דעם ברודיקן ליילעך פון מיין געלעגער האָבן געטאַנצט ווילד, מיט אַ פרענעטישער התלהבות, רי־זיקע במאַרעס פליי: אַ וודאי, פאַר גדולה, וואָס איך בין זיי צוגעשיקט געוואָרן... איך בין געווען — אַ צעביסענער, אַ צעריסענער; מיך גאָר־נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט... באַלד, איז אויפגעקומען דער אַלטער; און מיר האָבן זיך פאַרנומען, גלייך פאַרפרי — אין שיל אריין, צום דאַווע־נען: „— ווייל באַטאָג, שוין נאָך דעם עסן, וועט מען זיך מוזן נעמען צו דער אַרבעט...”

איך האָב — דעם אמת גערעדט — נאָך אַזוינע פאַרגרעבטע האַלב־אידן-האַלב-גויאים אין ערגעץ נישט געהאַט באַגעגנט; און, דאַרום, האָט זייער אויסטערלישקייט מיר אַלץ נישט אויפגעהערט פאַרצוקומען משונה־... אָט, אַ שטייגער, אַצינד, אינמיטן דאַוונען: איז אַריינגעקומען פון נאָס — אַן אַלט דאַר אידל, וועלכער האָט געטראָגן מיט זיך אַ לייטערל און עפּעס געצייג. באַלד, האָט ער זיך געשטעלט לעבן אַ וואַנט; אַרויפגע־קראָכן, און גענומען פאַריכטן אויבן דעם זייגער: און מע זאָל עס מערקן: אַז עמיצער פון (בית־) עולם זאָל זיך אַ קרום־טון דאַרויף!.. ניין; זיי

האָבן זיך גאַרנישט אומגעקוקט; אַט, אַ פּנים, ווייל עס איז נישט געווען — פּאַרוואָס...

באַטאָג, — בין איך כסדר אַרומגעפּאָרן, מיט מיין אַלטן, איבער די קוזשניעס: אויסצוריכטן כלים צו דער אַרבעט... נאָר, עס איז מיר נישט געווען ניחא — דאָס אַלץ; נישט גוט אַפּן האַרצן — אַט דער שמועס מיט אַנאַנדער. איך האָב אויפגעגרייזלט פון דעם בלויזן געדאַנק: אַז, אַפּ-דערנאָכט, וועל איך מיך, ווידער, דאַרפן באַגראָבן — אַף יענעם געלע־גער!.... איז: אַט, אַ פּנים, מיין צורה האָט געגנוי עדות-געזאָגט וועגן מיין געמיט; און דער אַלטער — וועלכער האָט דאָס, מסתמא, גלייך אַף מיר דערקאָנט, — איז, זיכער, נישט געבליבן מיטדערמיט צופרידן... טאָ, הערט: וואָס יענער וואוילער מענטש האָט געטון פאַר מיר. זיך-דורכגע־רעדט (אַזוי, על רגל אחת,) מיט זיין אידענע; זיי האָבן זיך גלייך געגעבן רעכענונג: ווי איך טויג נישט פאַר זיי — מיט מיין קרימען זיך, מיטן עסן, מיטן געלעגער, אַלץ מיט אַנאַנדער; וועל מיך בלויז פּלאָנטערן צווישן די פיס; זיי דעם קאָפּ פאַרדרייען!.. איז ער, דער אַלטער, דאַרומער, באַלד געגאַנגען, (נישט געהאַיעט זיך — ווייל קיין סאַך צייט האָט ער אַליין נישט געהאַט;) און מיך רעקאָמענדירט — צו אַ אַנדערן: דאָ־גלייך אַנט-קעגניבער אים די גאַס; וואָס (לויט זיין אומדנא, דעם אַלטנס,) האָט עס געדאַרפט זיין פאַר מיר — אָנגעמאָסטן; מיך, נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט, אַריבערגעפּעקלט אַהינצו... און עס האָט זיך, ווירקלעך, אַרויסגעשטעלט: אַז ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט...

●

אַף דער צווייטער זייט גאַס, אינגדערמיט פון אַ גרויסן ציכטיק-צוגערוימטן הויף, — איז געשטאַנען אַ רחבותדיקע אַ נייע דאָרפישע וויס־געקאַלכטע הילצערנע שטוב, געדעקט מיט אַ ציגלנעם דאַך; וועלכע האָט עדות־געזאָגט אַף אַ פיינער באַלעבאַטישקייט: אונטער אַ האַנט, וואָס ווייס — ווי אַכטונג צו־געבן אַפּן פאַרמעגן... דאָרט האָבן געוואוינט — אַ מוטער מיט אַ זון; און זי, די אַלטע, האָט עס זוויבער־געהאַלטן די ווירטשאַפט, ווי אין אַ בעבער-אַלציינס; געציטערט איבער אַ שפּרענקע־לע... ווען איך האָב זיי דערזען ביידן, — בין איך געבליבן שטיין, אַ פאַר-חידושטער! ער, דער זון — אַ ריזיקער גיגאַנט; און זי — אַ קליין דאַר מאַמעלע, ווי אַ קינד... עס האָט מיר, נישט־ווילנדיק, דערמאָנט אַן די אילוסטרירטע אויסגאַבעס פון גאָגאָלס ווערק, וואו מע זעט אויך אַזוי, (אַ שטייגער, אַף די געמעלער פון „טאַראַס בולבא"): די ריזיק-צעוואָקסענע קאָזאַקן שטייען — לעבן זייערע קליינינקע דאַרע מאַמעלעך...; אַזש מע בלייבט דערשטוינט דאַריבער: ווי אַזוי עס האָבן — אוים די קליינע, ממש-קינדערשע, מוטערס, געקאָנט אַפּערקומען — אַ־זעטיקע דעמבעס!..

נאָר דאָ, אין אונזער געגעבענעם פאַל, האָט עס  א ו י ס ג ע זען: אז דער זון — אַזוי גרויס, ווי ער איז געווען, — אזוי אומבאַהאָלפן איז ער פאַרגעקומען — לגבי זיין קליינטשיקער, אָבער — רירעוודיקער מוטער: וועלכע האָט ענערגיש געפירט מיט אַלץ; געהאַלטן אַ אויג אומעטום; און, דערביי — אַליין אויך געהאָרעוועט, אַ חוץ דעם זון — פון פאַרטאָג, ביז שפּעט אַף דער נאַכט...

אויך דאָ האָט מען געגעסן פון גרויסע שיסלען: פליישן, זופּן און סמעטענע אַסאַך; און געטרונקען מילך — אויס קאַנען גאַנצע. נאָר — באַזונדער איז דאָס אַלץ דערלאַנגט געוואָרן; פאַר איטלעכן — זיינס; ווי עס געהער צו זיין... אָבער — לייגן אין זיך דעם פּרעס האָט מען געמוזט; כמעט, איבער דער טבע; ווייל אַזוי איז אויך צוגעגאַן די האָרעוואַניע; ממש — אַזעלכע צוואַנציק שעה אין מעת־לעת: באַם שניידן די תבואה אַף די פעלדער; באַם אַראָפּפירן זי און אויסלייגן אין סטויגן איבערן גרויסן הויף; און שפּעטער, באַם דרעשן זי און ווייען. אָט דאָס האָט געהייסן — אַרבעט! אַ געזונט אין די ביינער — ווי איך האָב מיך דאָס, דאַמאָלס, געשפּירט גליקלעך: אפשר, צום ערשטן מאָל — אין מיין יונג צערודערט לעבן! פראַסט פערדיש צעפירדן, דאַכט זיך; אָבער — נאָרמאַל און אַזוי פעסט, ווי אַ דעמב!.. מע וועט זאָגן: „— אומגעוואויגשאַפט; אַזאַ פּלוצלינגער דראַסטישער איבערגאַנג!" — אַ נעכטיקער טאָג! איך האָב געאַרבעט אַזוי קרעפּטיק געשיקט, — גלייך ווי איך וואָלט געווען געבוירן געוואָרן מיט־דערמיט. דערביי, מיך געשפּירט — אַזוי פריש; אַזוי מעכטיק אָנגעגאָסן מיט זאַפט; מיט צוקוועלנדן כוח אַזויפיל; מיט געזאַנג און נייער פרייד פון דער אַרבעט. איך האָב געשפּירט: ווי איך ווער איבערגעגאָסן — אין אַ נייעם שטאַרקן יונג; איך דערוואַך — צו אַ לעבן אַ נייס; איך זעטיק אָן מיין געמיט, באַטאָג און באַנאַכט, מיט אַזויפיל רחבות און רעגנדן בלי פון אומענדלעכן דרום־סטעפּ; מיט אַזויפיל לאַשטשנדער זון; אַזויפיל וויניקער לופט! איך האָב געשפּירט: אַקוראַט, ווי איך ווער ניי־געבוירן; ווי יענע — אַלדאָס פאַרדאַרטע, פאַרקוואַרטע, פאַרשפּיצטע אין מיר, פון פריהער — דאַרט אָפּ, וועלקט אָפּ; לאָזט מיך אַליין — לויז און פריי, צו נייעם בלי און אויפגאַנג; אַזוי־ווי געלייטערט אויסגעגלעט — פון אַלע איינגעגעסענע קנייטשן מיינע, געקאַרבטקייטן; אָנגעפילט יענע בלויזן — מיט יונגט־גבורה אַזויפיל: וואָס איז, איצט, אין מיר גופא אַנטפּלעקט געוואָרן; און וועלכע געגערט, אַזוי בשפע, פון הימל און ערד אַרום... און ווען אפילו איך האָב, איינמאָל, געפּרואווט אַ טראַכט־טון (געדענקט־זיך): פון מיינע געוועזענע אַלטע טעג; פון מיין וועלט, מיט אירע אידייען, דיכטונגען און אויסדאַכטעניש, — אַזוי האָט זיך, ערשט, פּלוצים, אַרויסגעשטעלט, (צו מיין אומבאַשרייבלעכער, אי-

בערראַשנדער פרייד): — אַז אַלץ יענץ — לעבט אין מיר אויך, ווי געווען; אַז גאָרנישט־נישט איז פאַרשוואונדן! אָבער — ווי אַנדערש דאָס אַלץ איז געוואָרן: באַנייט און דערפרישט! אַזוי ווי אַלץ אין מיר... מיינע אידייען האָבן ערשט געשלאָגן, ווי פון אַ אַנדער קוואַל! אַזוי יונג און מעכטיק־דרייסט, ווי קיינמאָל; אַזוי לויטער־קלאָר און העל־באַשיינט מיט פרייד — ווי דאָס זונען־גאָלד בשפע, אַקוראַט אַצינד, איבער מיין שיקער־גליקלעכן קאָפּ!.. איך האָב אַ טראַכט־געטון פון מיין געוועזענער וועלט, מיט אירע אידייען, — און באַלד אויפגעהערט... „...ניין, ברידער! נישט איצט איז די צייט...״ — האָב איך באַ זיי געבעטן, די אידייען מיינע, נעמען דעם וועג; און דערביי, מיך גאָרנישט געשראָקן: טאָמער, חלילה, ווערן זיי ברוגז און פאַרלאָזן מיך — אַף אייביק... „...ניין! (— האָב איך געטענהט, מיט מערקווירדיקער רו און געהערשט איבער זיך —) היינט צו טאָג, איז: די אַרבעט — דער עיקר! אַט דער פּראָסטער אַראָפּלאָז; מיין אומקער צו דער ערד. און ווייטער זאָל אַלעס אויפוואַרטן...״ און איך האָב, מיט אַ לייכט געמיט, אַלדאָס אײַדעלע — פון זיך משלח געווען; באַנייס, דעם קאָפּ גענומען און אין דער אַרבעט באַגראָבן — ווי געזאָגט — פון פאַרטאָג, ביז שפּעט אַף דער נאַכט; געאַרבעט, און נישט־אויפגעהערט צו עסן; אומגעלאָפן־געשפּרונגען — געשווינד און פלינק, ווי אַ הינד; און אַנידערגעפאַלן שלאָפן, די פּאָר שעה אין מעסלעם — ווי אַ געהרגעטער, ווי אַ שטיין: אַפן אָרט דאָרט, וואו די מידקייט האָט מיך געפּאַקט...

די נייע באַלעבאַטים מיינע זענען, דאַכט־זיך, געווען מיט מיר צופרידן; פונקט ווי איך — מיט זיי... ניין. מיר האָבן עס זיך נישט געזאָגט, קעגנזייטיק; ווי, בכלל, אַזוי ווי נישט גערעדט צווישן זיך — אויסער די געציילטע קאָנקרעטע פּאָר ווערטער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט צו דער אַרבעט, נישט מער... אָבער, עס האָבן זיך דאָ נישט געפּאָדערט — קיינע דערקלערונגען; ווייל מע האָט זי, (אונזער קעגנזייטיקע צופרידנקייט פונאַנאַנדער,) אַרויסגעזען אַזוי עלאָקווענט — אָן די רייד אויך, פון זיך אַליין: באַ דעם שטומען מרוק דעם זונס: בעת ער האָט געקוקט אַף מיר, אַ שיינענדיקער — ווי איך שלינג זיין מאַמעס געקעכטסן!..; באַ דער אַלטער: ווי אַזוי זי האָט מיר, וואָס אַ טאָג, צוגעשאַרט אַלצמער צום פרעסן; און: גיכער — מיט דער לעפל, וואָס האָט געפּלעגט אַריבערשליידערן צו מיר אין שיסל די הויפּגס פלייש און פּאַטראַווע — איידער ווי מיט איר נאָז, — האָט זי צו מיר אַזוי גערטון מאַמיש רעדן: „— עס, מיין קינד; זאָל דיר זיין צום געזונט...״ נו, און באַ מיר, דעם קינד, האָט מען די צופרידנהייט אַרויסגעזען

דערפון: וואָס איך האָב מיך, קיינמאָל, נישט געלאָזן בעטן; און אַלעם פאַרצערט ביז צום דעק...

•

אין אַ קורצער צייט, בין איך געוואָרן — אַזוי געפּויערייזירט, — ממש, נישט צום דערקענען. איך בין געבליבן אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען אין דער וועלט; שיר נישט, אַליין — ווי אַ פּאַרציטישער קאָנ־טאַניסטל־אַלציינס; און אינזינען געהאַט בלויז: אַז עס זאָל מיר נאָר וואוילבאַקומען דער גוף...

געווען דער זונטיק. אַלע פון דער אַרבעט — פריי. די גרופּע ציו־ניסטן פון דער קאָלאָניע, צוזאַמען מיט אונזערע חלוצים, האָבן זיך גע־פלענט צונויפקומען, אַף איבערצוזיין דעם טאָג — אין דער ביבליאָטעק: אָוואו מע האָט זיך געמיט: צו מאַכן באַוואוסטזיניק — די אָפּגעשטאַ־נענע פון ציוניזם; בכלל — די שוואַכע אין אידייען; און, פאַרייניוועגס: טאַקע נאָכמער צו קרעפּטיקן דעם באַוואוסטזיין — בא די סאַמע־באַ־וואוסטזיניקע זעלבסט... און אַז דאָס איז דרינגענד־נויטיק אַזוי: דאָס הייסט: פון צייט צו צייט, אונטערצוהאַלטן דיין איבערצייגונג, — איז דאָך דאָ איבעריק צו איבערחזרן; ווייל — דאָס איז שוין אַלט, ווי די וועלט... אַט, דאַכט־זיך, ביסטו — אייזן־פעסט־זיכער אין דיין אידייע: אַז זי איז ריכטיק — אַזוי, און נישט אַנדערש; אַז אייביק — אַזוי וועט זי פאַרבלייבן; און קיין שום כוח אין דער וועלט וועט זי נישט קאָנען פון אָרט רירן... נאָר: דאָס לעבן אַרום, דער גאַנג פון דער צייט — מוט זיך דאָס זייניקע: ענדערט — אומבאַמערקט, לאַנגזאַם, גאָר אָן אויפ־הער — די ספער, פונעם דוים; די קאָלירן, פאַר דיין אויג; די לופט, צום אָטעמען; דעם באָדן, אונטער דיין טראָט; נעמט אוועק בא דיר — דאָס אַלדאָס־גרויס־געוועזענע, נאָר איצט — שוין־אָפּגעלעבטע: אַט די אַלע אומשטענדן, צו וועלכע דו, מענטש־קינד, ביסט אונטערגע־וואָרפן — מיט דיין גלויבן, מיט דיינע איבערצייגונגען, מיט אַלע דיינע אידייען; אַט דאָס אַלעס, וואָס האָט געהאַט, אַפריער, פּראָדוצירט פאַר דיר און צוגעשטעלט — יענע אומדערשיטערלעכע אידייע פון דיין לעבנס־באַגין; און שטעלט איין, אומבאַמערקט — אַפן אָרט פון דעם אַלעמען: אַ נייע ספער, פאַר דיר; פרישע קאָלירן, פאַר דיין אויג; די לופט, צום אָטעם; און דעם באָדן, צו דיין טראָט...; און דו נעמסט זיך, לאַנגזאַם, געבן רעכענונג — אַליין נישט־וויסנדיק, ווי אַזוי: עס בלייבט אַפ אין דיין געמיט — דאָס געוועזענע; עס וועלקט־אָפּ, רייסט זיך אוועק פון דיין בוים — ווי די בלעטער אינעם האַרבסט, אַלציינס, ווערן אָפּגע־ריסן און פאַרשמיסן פונעם ווינט; ווי — ווינטער קומט אין דיין געמיט: מיט, לעבלאָז, אידייענלאָז... נאָר: נישט אַף לאַנג, ברודער, איז אַט די

**איבערגאַנגס־צייט... און שוין, ווידער, שלאָגט דער פרילינג אָן די טירן** פון דיין געמיט. עס לויכט אַ נייע זון צו דיין האַרץ. און דו שמעקסט שוין מיט דיין נייעם זוימען־בלי, קנאָספּן און פרוכט; מיט דער נייער אומדערשיטערלעכער קרוין־אידייע צו דיין קאָפּ...

ווי געזאָגט: אין די זונטיקס, האָט געפלעגט די ציוניסטישע יוגנט פאַרברענגען דעם טאָג — אין דער ביבליאָטעק: וואו מע האָט דיסקוטירט און „שטרענג באַהאַנדלט פּראָבלעמען — אין גייסט פון פּאַלעסטינע”... נאָר, אין דער ווירקלעכקייט, (און ווי אומבאַמערקט פאַר־זיך־אַליין): אַזוי־ווי גענומען אָפּלייגן אָן אַ זייט — אַלץ, וואָס איז געוואָרן אַזוי איבעריק, אַזוי מינדערוויכטיק, דאָ, אונטער די גלעטנדע זונען־שטראַלן פון די דרום־הימלען פון רוסלאַנד: וואו די לופט שיקערט דיך אָן מיט ווייַן, מיט האַרציק רחבותדיק געזאַנג; אַז דו זאָלסט פאַרגעסן פון אַלץ אין דער וועלט; און זיך־אָפּגעבן דער פרייד, דיין יוגנט, דער ליבע, און דעם גליק...

בין איך — איינמאָל, צווייִ — געגאַן צו יענע סכאָדקעס אין דער ביבליאָטעק; און אויפגעהערט. איך האָב מיך גענומען פּלאָנטערן דאָרט מיט אַ שוואַרצהנעוודיקער קאָלאָניסטישער מויד; איר אַ זאָג־געטון אַ פּאָר פלאַמיקע קאָמפּלימענטן, וואָס האָבן געמאַכט אויפבליִען אירע באַקן — אַ פּאַליש; איר אויסגעזאָגט דעם סוד: ווער איך בין... „— אַ דיכטער, וואָס זעט אין איר געשטאַלט — די וויזיע פון גאָט! און אַז איך גיי דאָס איר אויסזינגען אין פערזן...” נאָר, צו גלייכער צייט, האָב איך גענומען צוזען: וויאַזוי עס גייט איר נאָך, יענער טונקעלער קראַסאַוויצע — אַ שיינער קאָלאָניסטישער יאַט, וואָס האָט איר ליב — דאָס לעבן. מיינע שטיק פאַרשאַפן אים, קענטיק, ווילדע שמערצן. ער שפּירט זיך קעגן מיר, מיט מיין געשליפן צונגל — אָפּהענטיק, פאַרלאָרן; ער ווייסט נישט, וואָס פירצונעמען... און איך האָב באַשלאָסן (מסתמא — פאַר מיין אייגענער רו־וועגן,): „פאַרלאָזן יענץ פּלאַץ...”; וואוהין איך האָב מער נישט צוריקגעקערט... ...אָבער: מע האָט מיך, דערנאָך, אַהין מער קיינער נישט גערופן אויך... אָט, אַ פּנים, אַזוייווי דערשפּירט דאָרטן, אַלע מיטאַמאָל: „...ווי איך בין — פרעמד צו זיי. ווי איך געהער מיך מיט דער גאַנצער עדה נישט אָן... מאַלע, ווען דער מונטער שטראָם פון יענער צערודערטער צייט האָט אַלץ נישט צוגעטראָגן צו זייער ברעג...” ...און איך בין געבליבן — אַזוייווי מן־הצד צו זיי אַלע; אינדרויסן. ווירקלעך — אַ פרעמדער צו אַלץ...

„...נאָר, דערפאַר, (האָב איך מיך געטרייסט, אין מיין מאַניאַקישן שטאַלץ,) נ י ש ט — צו דער ערד... דאָ, דוכט מיר, נעם איך ווערן — אייגן, אַצינד, מיט אַן אמת...” ...ביז עס האָט געדאַרפט קומען אַ פאַל;

און מיך, אויך דאָ, אָפּגעריסן [illegible] פון מיין שטוב. און געשען איז דאָס דאַן, ווען מע האָט אונטערגענומען דאָס דרעשן.

●

דאָרט, אין יענער קאָלאָניע, איז די דאָזיקע אַרבעט צוגעגאַנגען אַזוי. איבער דעם גרויסן הויף האָט מען אויסגעשפּרייט די זאַנגען, אין דער פאָרם פון אַ קרייז; איבער דער תבואה האָט מען געטריבן אַ פּאָר פערד, געשפּאַנטע צו אַ שווערן, מיט־געקאַרבטן שטיין, אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען די זאַנגען־קעפּלעך מיט די קערנדלעך תבואה זענען געבליבן, דורכן שטיין, אָפּגעהאַקט פון די זאַנג־שטעקלעך; דאַן האָט מען די לעצטע, מיט אַ גרעבליע, אָפּגעהויבן און געלאָזן אין אַ זייט; און די געבליבענע תבואה־קעפּלעך — אין הויפנס אויפגעקליבן, און זיי געוואָרפן אין אַ ספּעציעלער האַנט־מאַשין צום ווייען. די דאָזיקע דרעש־אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע: ווייל זי איז באַשטאַנען דורכויס — פון מאַכן קרייזן; און מע האָט געדאַרפט אויסרעכענען מיטן בליק אַזוי, — אַז דער שטיין זאָל אומעטום האָבן דורכגעגאַן, צו עטלעכע מאָל. אויסגעלאָזט אַ פונקט, — האָט דאָס געמיינט: פאַרלירן אַ אוצר תבואה... עס איז קלאָר: אַז פּאָר די פערד האָט דאָס נאָכאַנאַנדיקע דרייען־זיך אין קליינע קרייזן נישט געמוזט זיין באַזונדערס אָנגענעם: ווייל, באַם קערן־זיך, האָט זיי כסדר געפערלעך געמוליעט אין די פּיס — די שלייע. צו דעם אַלעמען, — האָט פון קיין פאַרזיכטיקייט דאָ מיט די פערד קיין רייד נישט געקאָנט זיין. פאַרקערט. מע האָט זיי געמוזט נאָכאַנאַנד טרייבן אין קאַרק אַריין: ווייל איבערן הויף האָבן געוואַרט, אין דער ריי, די אַנדערע סטויגן תבואה. אַ חוץ דעם — האָט מען געוואוסט — אַז די שיינע צייט שטייט ניט; זי איז אַ געשענקטע; און דאָ פעלט נאָך אַזויפיל צו טון אין פאַרויס...

נאָר, מעגלעך, פונדעסטוועגן: אַז די געניטע האַנט פונעם קאָלאָניסט, באַם נעמען די לייצעס אין די הענט אַריין, — האָט יאָ געקאָנט אויסגעפינען פאַר די פערד געוויסע מילדערנדע אומשטענדן, וואָס זאָלן מאַכן אַזוי, אַז דאָס קערן־און־ווענדן־זיך זאָל זיך דאָך ניט לייגן אַף זיי אַזוי שווער... אָבער, אין יענעם קאָלאָניסטישן הויף גראַד, האָט מען אָט די אינטערעסאַנטע אַרבעט, צוזאַמען מיט די פערד, געהאַט איבערגעגיבן — צ ו מ י ר אין די הענט אַריין; און דאָס האָט יענע לאַסט־אַנימאַלן, אַ פּנים, ווינציק געהאַט געשמעקט... דאָס זענען געווען — אַ פּאָר מעכטיקע ברוינע דראַגונער פערד: וועמען דער אייגנטימער זייערער, מיין באַלעבאָס־דער־קאָלאָניסט, האָט געהאַט אַהיימגעבראַכט מיט זיך, פון פּאָניעם סלוזשבע אין דער קאַוואַלעריע — גלייך נאָכדעם, ווי עס האָט געהאַט אויסגעבראָכן די ערשטע, קערענסקיס, רעוואָלוציע... עס האָט געקאָנט זייער־גריילעך געמאָלט זיין: אַז אָט די וואַוילע פערדאַטשן זענען,

צו זייער קאַוואַלעריע־דינסט, צו קיין לאַסט־שלעפּעריי נאָרנישט גע־
וואוינט געווען. נאָר, אין לויף פון דער צייט, דאָ, אין דער קאָלאָניע, —
האָט ע ר , דער קאָלאָניסט־זייער־האַר, (וועלכער האָט שוין גוט גע־
קאָנט זייער טבע,) — זיי, פּאַמעלעך, אריינגעצויגן אין דער ארבעט; זיי
אונטערגעברומט — איין סאָלדאַטסקע מארש נאָכן אנדערן; דערביי, זיי
אונטערגעטריבן; און יענע, די פערדולן, האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ
צו זיין ברומעריי, און פון אים זיך געלאָזן... דאָ, (דאַרף מען פארשטיין,)
האָבן דריי לייט געמרוקעט — איינס־און־דאָס־זעלבע לשון, און זיך־אייג־
פארשטאַנען...

געקומען אָבער, אצינד, צו מיר, — האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן די
צרות. ווי איך האָב מיר גענומען געבן רעכענונג: האָבן יענע פּאָר פערד
נישט־אָנגעהויבן צו האַלטן פון מיר — באַלד פונעם אָנהויב: ווי נאָר איך
האָב מיך באַוויזן אַפן קאָלאָניסטישן הויף. דערשנאַפּט אין מיר — ד ע ם
פ ר ע מ ד ן , — איז: איינמאָל — ניין!; האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט קאַטע־
גאָריש — צו אָנערקענען מ יי ן אויטאָריטעט, ד י מ ע נ ט ש־
ל ע כ ע , איבער זיך. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון מיר — און טו זיי
עפּעס! זיי האָבן, בא פּאַלן פארשיידענע — אַזוווי מיך נישט צוגעלאָזן
צו זיך. מיר געגעבן אָנצוהערן, מיט דער באַוועגונג פון אַלע זייערע אברים:
אַז ...„זיי, ברודערקע, נאַרט מען נישט... דאָס קאָנסטו נאָר ד י מ ע נ־
ט ש ן , די יאָלדן, נאַרן — נישט אונז. ווייל מיר זענען — פערד, זע־
נען מיר; און מיר דערשנאַפּן גלייך: ווער עס איז — משלנו, אַ אונזערי־
קער; און ווער — נישט.... דו ביסט — אַ פרעמדער ביסטו; איז — מאַרש
פונדאַנען! מירן זיך נישט לאָזן פירן פון קיין ווילד־פרעמדן, באַטש —
צעקייל אונז!..״ ...און זיי האָבן זיך טאַקע ג ו ט נישט־געלאָזן; גע־
ווערט מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט... אָבער, ביז איצט: דאָס
הייסט — פ אַ ר דער צייט פון דרעשן, — אַזוווי עס איז מיר נישט
אויסגעקומען ב אַ ז ו נ ד ע ר ס צו־האָבן מיט זיי צו טון, — און
שטאַרק אין לעבן — צו געווינען זייער אָנערקענונג — איז מיר אויך,
אָפּריער, נישט געגאַנגען, — האָב איך עס, דאַרומער, געלאָזן לויפן; בא
מיר געטראַכט: „...עך, זאָל מ יי נ ס איבערגיין! מיט וועמען האָסטו
דאָ אָן עסק פּאַרפירט — מ י ט פ ע ר ד ?!.״ און איך האָב — אַזוווי
פארגעסן אין זיי; אין, מיטן גאַנג פון דער צייט, (ווי מיר האָבן אויבן גע־
זען,) מיך שוין אפילו גענומען לאָזן איינוויגן אין דער אילוזיע: „וויאַזוי
איך וואַקס — אַ גייער מענטש!..״ ביז עס איז אָנגעקומען די צייט פונעם
דרעשן, — און דאָס פּאַטאַלע גורלדיקע פּראָבלעם „איך — און די פערד״
איז ראַפּטעם געוואָרן אַוועקגעשטעלט, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און
לחלוטין־אומויסמיידנד — פּנים צו פּנים!.. ... ז יי , ווי דער שמיי־

מער, — האָבן זיך געפּרואווט זעצן קעגן מיין הנהגה־הראשית. נאָר איך — האָב נישט קיין געדולד געהאַט, ערנסט, צו קיין קאַפּריזן; און איך האָב זיי דערלאַנגט, באַלד פונעם אָנהויב, אַ גאָב, — אַזוי ווי עס איז מיר נאָר געווען אַפן האַרצן!.. נו, האָבן זיי זיך פּאַרטייעט, די לײדאַקעס; און באַ־שלאָסן, אַ פּנים, פאַר זיך: „אויסצואוואַרטן; כאַפּן דעם מאָמענט, די גע־לעגנהייט...” איך האָב גוט באַמערקט: וויאַזוי, באַם קערן־זיך אין די קליינע קרייזן, טו איך זיי אָנמוליען, מיט דער שלייע, די פּיס זייערע — ביז בלוט. נאָר — וואָס האָב איך געקאָנט טון דערצו? „מיין שולד, אפשר, וואָס זיי זענען — פערד; און עס איז, דאַרום, זייער פליכט — צו גיין אין שפּאַן?!.” ביז, זיי האָבן זיך אויסגעוואַרט; מיך געפּאַקט, איינמאָל, באַ אַ מינוט פון פאַרטראַגנקייט — ווען איך האָב מיך דערנעענטערט צו זיי, ביז איבער דער מאָס, אַריין צופיל אין זייער מחיצה, — אוןביידע פערד־פּאַראַמאָל, (אַזוי ווי אָפּגערעדט צווישן־זיך,) האָבן מיר דערלאַנגט, מיט זייערע פעדערשטע פיס, אַזאַ זעץ אין מ יי נ ע , — אַז איך האָב מיך איבערגעקערט און, גלייך אַפן אָרט, ד ע ר וו אַ כ ט !.. ז יי זענען געשטאַנען — שטיל, געהאָרכזאַם; גרייט צו מקבל־זיין את הדין... נאָר, פון זייער גאַנצן פּאַרנעם האָט געפּאַרעט אַף מיר — מיט אומקאָמפּראָמיסלעכן שוידערלעכן האַס: „— דו, האָסט אונז און בראָק אונז! נאָר, מיר דיך פ אַ ר ק יי ן ג ל יי כ ן — אָנערקענען ניט!..” און עס איז טאַקע געבליבן: ג ו ט — נישט־אָנערקענט!..

• •

אַריבער דער זומער, די אַרבעטס־צייט. געגומען אַגרוקן דער האַרבסט, מיט די רעגנס. באַלד, וועט דאָ ווערן — אין יוצא ואין באָ...... מיין באַ־לעבאָס האָט מיר פאָרגעשלאָגן: „— צו בלייבן מיט זיי — אַף איבער דעם ווינטער; געבן עסן די פערד. עס וועט זיין אינטערעסאַנט!..” האָב איך אָנגעקוקט דעם גוטן וואוילן יונג, מיט אַ שמייכל, און טרויעריק געקלערט: „דיר איז גוט, ברודער; נישט — מיר...” ....„איך האָב געטרוימט און געפיבערט, צוזאַמען מיט דער זומער־היץ. מער, ציִען, דאָכ — קען איך נישט. איך שפּיר: ווי אַט די אַוואַנטורע גייט אוים אין מיר. זי לעשט זיך. וואָס — ווייטער?!.”

אין שטעטל האָב איך געהערט זאָגן: ווי מיינע חברים, די חלוצים, גרייטן זיך שוין אַף דער רייזע קיין אַדעס... „אַט איז — דער ווענד־פּונקט, דוכט־מיר; דער שייד־וועג...”... איין באַטאָג, בין איך צוגעגאַנגען אין דער ביבליאָטעק. איך האָב דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. שטיל געווען אַרום. פון די פאַרשטויבטע פּאָליצעס, האָבן אַראָפּגעקוקט אַף מיר — די בי־כער... „....אידישע... העברעאישע... גלות... ארץ־ישראל... אַ; שוין לאַנג,

איך ניש[illegible]ומען, [illegible] דעם קאָפּ — [illegible] און דאָך, — זאָ
גאָר, ווי אַלעם לעבט אין מיר און צאַפּלט..." איך האָב אָפּגעגנומען איי-
ניקע ביכער פון אַ פּאָליצע; נישט געקוקט — וועלכע: אידישע, צי העב-
רעאישע... מיין האַנט האָט זיי גענומען צערטלען — ווי פון זיך אַליין;
עפּעס — אַזויווי מיט דערוואַכטער ליבע, אין עקסטאַז; און מיינע ליפּן
האָבן זיי געקושט, ווי רעליקוויעס... „...אַלציינס — אידישע, צי העברע-
אישע. דאָ, אין גלות, אין דער גאַנצער וועלט: אומעטום, וואו מיר, אי-
דישע אינטעליגענץ, לעבן, אין אונזער היים, — זענען דאָס — א י ד י-
ש ע   ס פ ר י ם ; צווייגן פון אונזער אידישער קולטור... וואָס-זשע?
זאָל איך נעמען, אפשר, איבערלאָזן אַלץ — די גאַנצע וועלט, דאָס פּאָלק
— און אַנטלויפן?!."

אין דרויסן, האָט געהאָנגען אַ שיינער גאָלדענער פאַרנאַכט; מיך אַ
ציגעטון: זיך-לאָזן בלאָנזשען, אומבאַשטימט, מיט די גאַסן און געסלעך
פון דער קאָלאָניע, וועלכע איך האָב, נאָך אַזוי ווינציק, געקאָנט; נישט
געהאַט גאָר — ווען־רעכט, ביז איצט, אַ שטעל-צו־טון אַ שפּאַן... „נאָר,
ערשט: אַז איך בין געבליבן — אַזוי אַליין געלאָזן צו זיך; איך האָב נישט
קיין געאייל אין ערגעץ; איך בין עלנט; איך בין פריי... "

— 3 —

אַף איינער אַ גאַס, (דוכט מיר, לעבן דער שיל,) זענען מיר אָנגעגאַן,
פלוצים, אַנטקעגן — דריי יונגעלייט, אין חסידישע קליידער. איינער —
אַ הויכער, אַ בלייכער, מיט אַ שוואַרצער שפּיציקער באָרד; דער אַנדע-
רער — אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ קיילעכדיק בלאָנד בערדל;
און דער דריטער — פון מיטעלן וואוקס; דערצו — מיט אַ געבויגענעם
רוקן; אַ אויסגעדאַרטער, מיט אַ טויטער צורה און פאַרבלאָנדזשעטע קאָ-
לירלאָזע האָר־קרייזעלעך, אָנשטאָט אַ חתימת-זקן...

און עס איז געווען: ווי נאָר איך האָב זיי דערזען, — אַזוי האָב איך
דערשפּירט: ווי איך ווער — טויט-בלייך, דערשראָקן אַף טויט; דאָס
בלוט רינט מיר אָפּ פונעם פּנים; עס נעמט מיר וואַרפן יעדער אבר... איך
האָב מיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט! זיי זענען מיר פאָרגעקומען,
די דריי לייט — אין יענעם העל-גאָלדענעם פאַרנאַכט — אַזויווי דריי
געשפּענסטער, אַלציינס: וועלכע זענען אַראָפּגעפאַלן, אַצינד, פונעם הימל,
איבער מיין וועג!.. „פונוואַנען האָבן זיי זיך דאָ, איצט, דערנומען?!."
...אויך זיי זענען געבליבן שטיין — האַרט פאַר מיר; אַ ווײַלע — באַ-
טראַכט, מיט חידוש, מיין אויסזען... נאָר, צוויי פון זיי — דער הויכער,
און דער בלאָנדער — זענען גלייך געקומען צו זיך. זיי האָבן זיך צע-

האבט און אויסגערופן, מיט שפאט אינעם קול: „— דאנט־זיך — משה מאיר דער שמידאוויצער?!. (ווי מע פלעגט מיך רופן אין דער ליבאוויטשער ישיבה;) — זאג: וואו האסטו פארלארן די בארד? דאס היטל אהיינגעטון?!. אהא! מע זעט גלייך: אז דו ביסט געווארן — א לייט!.."

און, מיט אומויסבאהאלטענער פאראכטונג אין צורה, — האבן זיי זיך שוין געוואלט אוועקקערן פון מיר... נאר יענער, דער דריטער, האט נישט דערלאזן...

• •

...א, איך האב זיי גוט געדענקט, אלע דריי, פון ליבאוויטש; נאך פון מיינע סאמע ערשטע אינגלשע צייטן, פאר דער מלחמה; ווען איך האב דארטן געלערנט — יארן; געלעבט, אזוי ווי אין א פאנטאסטישער וועלט פון טויזנט־און־איין ווייזיע... זיי, די דריי לייט, זענען דאן געווען — עובדים; דאס הייסט: אז זיי האבן זיך שוין נישט אפגעגעבן — אזוי ווי אלע אנדערע — מיט לערנען נגלה, אונטער דער אויפזיכט פון א משגיח; צי נסתר, אונטער דער השגחה פון א משפיע. די עובדים האבן זיך מער ניט אנגעהערט מיט קיין כתות; בכלל, מיט וועלכער־עס־איז רוטין — ווי עס איז געווען די פירעכץ אין דער ישיבה „תומכי־תמימים", וואס עס האט געהאט מיסד־געווען, אין יענע צייטן, דער ליבאוויטשער רבי, ר' שלום דובער שניאורסאן. (די ליבאוויטשער ישיבה־בחורים, כידוע, האט מען גערופן — תמימים, פון — תמים תהיה עם ה' אלוהיך...) זיי, די עובדים, זענען געווען — פריי; געלאזן צו זיך אליין; געבילדעט אזא מין אייגנארטיקע קאסטע, אזעלכע פרייע קינסטלער־וויזיאנערן, אויסער יעטוועדער השגחה, צי קאנטראל איבער זיך; ווייל זיי האבן דאס נישט באדארפט מער. מע האט זיי שוין געמאגט אנטרויען די השגחה איבער זיך גופא; פארלאזן־זיך, עס הייסט, אף זיי אליין און (ווי מע וואלט עס באדארפט, אפשר, אנרופן, אין מאדערנעם לשון) — אף דער מיטיינמאל־אין־זיי־דערוואכטער אינטואיציע: אז זי וועט זיי שוין נישט פארפירן; און ווי עס שטייט געשריבן: „תעיתי (אינטואיציע) כשה עובד, בקש עבדך וכ"ו": דוד המלך האט געזאגט: אז מע בלאנזשעט אום אליין אזוי לאנג, — ביז וואנען מע געפינט, ענדלעך, ד ע ם, וועמען מע האט געזוכט...

...פריי, ווי געזאגט, פון יעטוועדער אויפזיכט, — האבן זיי, ווירקלעך, געטון, די עובדים — וו א ס עס האט זיך זיי נאר געגלוסט; און ווען און וויאזוי עס איז זיי נאר פארגעקומען רעכט. געהאט האבן זיי — אינעם ריזיקן ליבאוויטשער הויף מיט די ישיבה־מויערן, וואו עס האבן געלערנט טויזנטער בחורים — זייער אייגן קליין מויערל, וועלכעס מע האט גערופן — דער קליינער זאל; און דארט איז געווען — זייער

שלוכה... איינער, האָט געדאַוונט — פון איינדרייפּרי, ביז נאַכט. אַ צווייי־טער, האָט געזונגען. אַ דריטער, האָט געוויינט. אַ פערטער, איז אומגעד־גאַן — פאַרחלומט, מיט אָפענע אויגן. אַ פינפטער, איז געלעגן אפן דיל אויסגעצויגן און זיך-געלאָזן טרעטן פון יעדן אומגעשטערט. אַ זעקסטער, האָט געלערנט נגלה, הויך אפן קול. אַ זיבעטער — נסתר. היינט — אַזוי; מאָרגן — אַנדערש... אַנדערע, ווידער — זענען גלאַט ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, אַף גאַנצענע טעג מיט נעכט; זיך־אַרומגעוואַלגערט אַף די פעל־דער, הינטער ליבאַוויטש; זיך מתבודד־געווען, געדבקהט; זיך געמון מתבונן-זיין אין גדלות השי״ת און שפלות עצמו; זיך מסגף געווען; זיך מצרף געווען; אַט, אַ פנים: נישט געקאַנט שוין פאַרטראָגן מער די משאַ פונעם חומר עכור ושפל; אַנטלאָפן צו גאָט אַליין... דערנאָך, ערגעץ אינ־מיטן נאַכט, — צוריקגעקערט, געלייטערטע...

...עס איז נאָר שווער געווען אַביסל אַנצוקומען אין יענעם קליינעם זאַל: ווייל אַסאַך זשוליקעס און פוילנצער פון צווישן די ישיבה-בחורים האָבן זיך געקוואַפּעט — אַף דער פשוטער הפקרות... פלעגט עס, געוויינ־לעך, צוגיין אַזוי... אַט, זיצט זיך אַ בחור אין זיין כיתה און לערנט — נגלה, נסתר; דוכט-זיך, אַלץ גייט צו בּאַ אים נאָרמאַל; ער באַוועגט זיך אין שפּאַן, ווי אַלע... מיטאַמאָל אָבער, נעמט מען מערקן, (דאָס געניטע אויג, אַ וודאי, פונעם משגיח, צי משפּיע): ווי אָט יענער חברה־מאַן נעמט עפּעס קוואָקען אין פעלד אריין; עס איז שוין, דאַכט־זיך, אריין אין אים — דער דיבוק... איז, צוערשט: „...מוז מען פּרואוון אַרויסשלאָגן פון אים י ע נ ע ם א ו ר ח — מיט שטעקענעם!..” און מע נעמט, און מע טרייבט אַרויס יענעם בחור — אַף אַ חודש, צי צוויי — אינגאַנצן פון דער ישיבה; מע לאָזט אים גאָר אַף דער שוועל פונעם הויף נישט אַרויפ־קומען — אַקוראַט ווי אַ מצורע, אַלצייינס; אַ חוץ דעם: וואָס ער פאַר־לירט אַלע אַנדערע רעכט, וואָס די ישיבה גיט יעדן איינעם בחור — אַף עסן, הלבשה וכדומה; אָבער אים — דערקענט גאָרנישט קיינער מער... מאָג ער וויינען און קלאָגן, — אַ נעכטיקער טאָג!.. ...אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען אַסאַך האַלטן טאַקע נישט אויס — און קערן צוריק צו דער רו־טין... דאַן, מאַכט מען זיך גלייך פאַרגעסן אין אַלץ, און מע נעמט זיי אויף. דער נעכטן בלייבט אָפּגעווישט — ווי נישט געווען גאָר געהאַט פאַרגעקומען; פאַסירט עפּעס... „— דו ביסט, ווידער — ווילקאָמען, חבר, כתמול שלשום. לערן, דאַוון, זיי אַ איד!..” ...די אָבער, וואָס האַלטן יאָ אויס דעם נסיון, ביז לעצט: זיי חלשן; פאַלן פון הונגער פאַרשמאַכט, אַף דער שוועל פונעם ישיבה-הויף; נאָר פון זייער צמאון לאלהות קענען זיי נישט אַוועק, — יענע הויבט מען אויף, צולעצט, און, פאַרשמאַכטערייט, ברענגט מען זיי אַריין צום רבין, זאָל לעבן, אַף יחידות...... וואָס דאַרטן

טוט זיך אָפּ, בחודי־חדים, — דאָס ווייסט קיינער ניט. ווי אַליין — די באַגליקטע בחורים — דערציילן דאָס נישט, קיינמאָל, קיינעם. בלויז פון פאַרען הינטער די ווענט, — פאַרנעמט מען, אמאָל — קולות, קלאָגע-רייען... דאָס וויינט, דאַכט-זיך, און קלאָגט — דער רבי אַליין, ר' שלום-דובער שליט"אַ, על גלות-השכינה... און אַז יענער בחור זעט דאָס צו, — קאָן ער שוין מער נישט אויסהאַלטן! ער פאַלט אַפּן פּנים; ברעכט אויס אין אַ אומבאַשרייבלעכן יאָמער; גרייט — דערטרונקען ווערן אין זיינ אייגענעם טייך מיט געוויין; די נשמה אָפּגעבן און דאָרטן, לעבן רבינס געשטאַלט, אויסגיין... יאָ — ווי איך האָב געזאָגט —: אויסגיין, פון מתיקות; פון גליק; פון שטילער עקסטאַטישער פרייד; פון באַהעפטונג צום קוואַל; אני לדודי ודודי לי; פון אהבה רבה בתענוגים; ווי עס טוט זיך באַהעפטן דער ניצוץ בשלהבת: ער ווערט, דאַכט-זיך, בטל — אַליין; פאַר זיך, עקזיסטירט ער נישט מער; נאָר — ער, לעבט, דאָרט, ווידער, אויף! און ער לויכט, ווי אַ פאַקל — אין דעם ליכט פונעם פלאַם... דאָס איז געקומען די באַלוינונג — פאַר דער גאַנצער פיין; און די ליבע, ווי אַ אַנטפּלעקונג, אַף דעם סוף פונעם וואַנדער; ווי אַ בענטשונג, אַ גשם-ברכה, פאַר דער לעכצנדער זעל..... פון דעם רבינס צימער, קומט אַפּער יענער בחור — ווי אַ נייער. עס איז שוין נישט אין אים צו דערקענען מער — דעם פריערדיקן. ווי אַ באַנומענער, אַן עקזאַלטירטער — אַף תמיד. ווי אַ פאַרגאַנגענער אין טראַגן, וואָלט איך געזאָגט, (דער סוד העיבור,) מיט יענעם זוימען, — וואָס וועט אים שוין נישט לאָזן צו־זיך קומען מער, קיינמאָל — ווייט ער וועט לעבן! אָט דער יונג בלייבט שוין — אַ אָפּגעקאָכטער, אַף אייביק. אַ שטערבלעך-לעכצנדער צו דעם גענוס, וואָס דער רבי, (דאָרט, אַף יענעם יחידות,) האָט אים געגעבן, איין מאָל, איבער־צולעבן, איבערצוקומען, — און אים, באַלד, דערפון אָפּגעריסן; אים ווייטער געשיקט בלאָנזשען... ווי אַ שיכורער, אַ וואַקלדיקער, — ריכט ער, איצט, יענער באַגליקטער יונג, זיינע אומזיכערע טריט — צו דעם קליינעם זאַל; וואוהין ער קומט שוין, ערשט — ווי אַן אייגענער; און עס הויבט זיך אָן פאַר אים, פון זינט דאַן — אַ ניי לעבן! ער, געהער זיך מער ניט אָן — מיט קיינעם. ער, געהער שוין אָבער, אַצינד, איינגאַנצן מיט זיין זעל — צו דעם רבינס, זאָל לעבן, לייב-גוואַרדיע. ער חזרט די מאמרים פון דא"ח (דברי-אלוהים־חיים,) וואָס דער רבי שליט"אַ זאָגט פאַר דער גאַנצער ישיבה, אין דעם גרויסן זאַל, יעדן פרייטיק-צו-נאַכט בין מנחה למעריב, דאָס הייסט, פאַר קבלת־שבת; און ער קומט, תמיד — אַפּן רבינס רוף! וואו ער זאָל זיך נישט געפינען, — מוז ער אַלץ פאַרלאָזן, באותו רגע; גרייט צו לויפן, ווען מע דאַרף — אין

פייער און אין וואסער! ער, מיט זיין אייגן לעבן, ווי געזאגט, איז — אוים! ער איז, מהיום והלאה — דער גרויסער זכה בגורל; דער ראוי ונבחר צו זיין — כולו עולה ליהוה...

...אהין, אין יענעם קליינעם זאל, פלעגט מען אויך אריינשיקן, אף א וואך צי צוויי — סתם א בחור, וואס האט זיך געגרייט צו דער חתונה: „...פארלאזן די ישיבה, די היים; אוועקפארן — אין דער ווייטער פרעמד־ דער וועלט אריין, ווי אין דער וויסטעניש; בלייבן אויסגעשטעלט אף שווערע געפארן, באטאג און באנאכט... איז — דא, אין דעם קוואל, זאל ער זיך אנזאפן מיט אידישקייט! זאל ער זיך צוקוקן; זאל ער הערן; זאל ער זעען! א, זאל ער מהרהר־זיין: ווי עס האלט מיט אים, אלס איד, אף דער וועלט; וואס גייט ער טון...; א, וואוהין וועט ער ריכטן זיינע שריט — אין א עולם חושך ועכור, בגיא צלמוות... טא, זאל ער זיך כ א ט ש ד א אנגעמען מיט כוחות געגוג — בעפאר ער גייט אוועק!..״

...אט דער קליינער זאל, מיט דער לייב-גווארדיע פון יענע עובדים, איז געווען — ווי מע פארשטייט אליין — דאס שיינדל פון ליבאוויטש; דער בחיר־היצירה, אזוי-צו-זאגן, פונעם רבין! און עס איז ניט רעכט, דארום, די שילדערונג זיינע אפצופטרן — אזוי, על־רגל-אחת: ווי איך טו דאס, אצינד, אין מיינע מעמוארן־שטריכן. איך גרייט מיך צו דער עקסטרע ארבעט וועגן ליבאוויטש (עס וועט דארפן זיין א עפאפעע-ראמאן, אונ־ טערן נאמען „דער אויפשטאנד פון די תמימים״,) — שוין זינט יארן. אבער, איך בין נאך אלץ נישט גרייט גענוג: ווייל איך האב נאך נישט באוויזן אפצורוימען אלע מכשולים פון מיין וועג; באזייטיקן אלע שטע־ רונגען; בייקומען אלע שוועריקייטן; אפטון אלץ, וואס עס בלייבט מיר נאר צו־טון, ביז דאן, — אום איך זאל מיך, ווירקלעך, קענען אויסטון, דערנאך, פון אלץ און פון אלעמען; און — אקוראט, ווי בא יענעם עובד — זאגן צו זיך אליין: „— נו, מהיום־והלאה, ביסטו אויך — כולו עולה לה׳...״ אבער, איך ווייס און איך פיל: אז יענער טאג וועט קומען — ווען איך וועל מיך אננעמען מיט מוט, און דערלאנגען אזא פירכטערלעך געשריי, — אזש די זיילן פון מיין וועלט וועלן ווערן אויפגעטרייסלט!..

...נאר, דערווייל, אין מיין איצטיקן טראנס פון דער ארבעט — אט, א שטייגער, ווי ערשט: ווען עס איז מיר אונטערגעקומען, אינמיטן וועג, יענע תקופה, — מוז איך מיך בלויז באניגענען מיט די אויבנויף-שטריכן. און דארום, וועל איך דא נאר קענען צוגיבן וועגן יענער מערקווירדיקער עובדים-גרופע פון ליבאוויטש: אז דאס כאראקטעריסטישסטע אירס איז געווען דאס: וואס עס האט, קיינמאל — אין דער גאנצער געשיכטע פון איר אויסטערלישער עקזיסטענץ — נישט פאסירט בא איר דער פאל: אז צו איר זאל זיך וועלן זוכן צוקלעבן — א גגידיש קינד... (פון דער ריי־

בער קאַסטע ישיבה־בחורים, זועלבע זענען דאָך געווען, אין אַלע צייטן, אין ליבאַוויטש, אַזוי גרויס אין צאָל!..) אָבער — מאָדנע: קיין איינער ניט! אַזוויווי אָפּגערעדט... און דערקלערונגען פאַר דעם וועל איך אויך דאָ נישט ברענגען. איינמאָל — ווייל עס איז נישט דאָ דאָס אָרט דאַרויף; און צווייטנס — ווייל איך האַלט עס אויך פאַר איבעריק. מע וועט זיך שוין מוזן אַליין אָנשטויסן די סיבה: הלמאי קינדער פון וואָוילטאָג האָבן, קיינמאָל — נישט אפילו ד אָ ר ט, אין יענער גרויסער אידעאַלער ישיבה — געזוכט דעם וועג פון פיין: וועלכער איז געווען, אַט אַ פּנים, און אַזוי שוין תמיד פאַרבליבן — אַ עסק פאַר דעם אָרעמאַן... אַט יענע באַרימטע גוואַרדיע האָט געדאַרפט באַשטיין — לויטער, פון אָרעמע קינדער; וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט, אַלע יאָרן, אין ליבאַוויטש גופא; געגעסן טעג, נהמא דכסיפא; און אַזוויווי נישט פאַרזוכט, קיינמאָל, קיין אײן טראָפּן ערדישע פרייד; גאָר נישט זוכה געווען צו דערלעבן ווען — אַ קומיק גליק, ווי אַ פּשוטער בשר־ודם... דערפאַר, אפשר: האָט עס, אַזוי היים-בלוטיק, געזאָדן באַ זיי, אָ, יענער הייליקער אידעאַליזם פון גלויבן און פון גוטס; פון לויטערן העכסטן גליק; אַט, פון דער טיפער מענטשלעכער פרייד, פון וועלכער עס האָבן גאָר געקאָנט חלומען די נביאים; און וועלכע (די פרייד,) איז אויך זיי, יענע גליקלעכע, געווען באַשערט איבערצולעבן, אין העכסטן עקסטאַז — שפּעטער מיט יאָרן, ווי יחזקאל הנביא באַם ים — אַף די ברעגן פונעם טייך דאָן, אין ראָסטאָוו: דאָרט, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער פלאַטער, דער אַפּאָטעאָז — אין דעם אויפשטאַנד פון די תמימים...

...און דאָך, (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט פאַרקומען; און אפשר — טאָקע דערפאַר...), — האָבן זיך אויך אין יענער גוואַרדיע, (ווי די סיטראַ־אחרא, אקוראַט — לעבן דער קדושה; און נישט געקוקט אַף אַלע שטרענגאייגגעשטעלטע גדרים, סיגים און מחיצות,) פאַרט געפלעגט אַריינבאַקומען אינעווייניק — מופקרים אַלערליי; דאָרטן שוין פאַרבליבן... און דער רבי אַליין, (איז רעכט צו זאָגן,) מיט זיינע ליכטיקע אויגן, האָט דאָס גוט איינגעזען; נאָר — געבליבן, אַ וודאי, אומבאַהאָלפן אַנטקעגן דער סיטראַ-אחרא אַרויסצוטרעטן; איר געמוזט לאָזן — אַזוי, לעבן דער קדושה; ווייל: „...מלכותא דארעאַ, שטייט געשריבן, איז כעין מלכותא דרקיעא... אַלעס גייט־צו געמאָסטן און געוואויגן: אַזוי, אין די היכלות העליונים; במילא, דאָס אייגענע — אין די היכלות התחתונים. דער, וואָס איז אין פרוזדור, — ציט תמיד צום טרקלין: אום דאָרט דעם טראָן צו פאַרכאַפּן; דעם מלך, די שכינה — אין גלות צו פאַרטרייבן; אַליין, חלילה, דאָס מלכות גיין פירן; אויפהויבן אַ געווירבל-אַ שטורעם, — אַז קיינער זאָל זיך נישט־כאַפּן — וואו מע האַלט אין דער וועלט...״

...איז, אַט אין אַזאַ ענלעכן געווירבל־שטורעם בין איך עס, אַצינד, גאַנץ־אומגעריכט, געוואָרן אַריינגעשליידערט, — דורך דער פלעצלעכער באַגעגעניש, אין דער קאַלאָניע, מיט יענע דריי יונגעלייט — מיינע חברים פון דער פריעסטער יוגנט, אין ליבאַוויטש... ...זיי, (די צוויי חברה, וואָס האָבן פון מיר געלאַכט,) זענען געווען (אָ, מע האָט דאָס געוואוסט אויס־געצייכנט) — אַנבאַלאַנגטע צו די פּ אַ ל ש ע עֹ ו ב ד י ם. גע־האַט גראָבע קעפּ, ווי די דעמבעס, צום לערנען; געווען גרויסע פּויליאַ־קעס־אַנליייגערס, — האָבן זיי זיך אַריינבאַקומען אין יענעם קליינעם זאַל — דורך אַלע מיטלען: אום נישט צו האָבן קיין קאָנטראָל מער איבער זייער הפקרות... נאָר, אויך דאָרט האָבן זיי זיך לאַנג נישט געהאַלטן: קיין תכלית נישט געווען פאַר ד י - אָ לייט — דאָס מאַטערן־זיך... עס האָט זיך געמאַכט די ערשטע געלעגנהייט, — האָבן זיי רייך חתונה־גע־האַט און פאַרשוואונדן... בלויז פון צייט־צו־צייט — אין די ימים־נוראים, אַנדערע ימים־טובים — האָבן זיי זיך אַראָפּגעיאָוועט: געקומען גלאַנצן פאַר די אָרעמע חברים פון פריער — מיט זייער טינופדיקן אַרויפשוואום אָפן וואַסער... חברה־עובדים האָבן זיי גלייך פאַרשטויסן פון זיך, מיט עקל; מער אין זייער זייט נישט געקוקט...

...נאָר — גאַנץ אַנדערש, אָ, איז געווען י ע נ ע ר י ו נ ג, דער געבויגענער; (וועמען עס האָט, אַזויווי גאָלד, מיט זיין גאַנצן שווערן געוועכט, געצויגן תמיד אַף אַראָפּ...) אַ געפּערלעכער ירא וחרד; אַ דורכ־געלייטערטער, ווי אַ פּאַקל; און ממש — אַ תמים, ווי אַ קינד... איך האָב פאַר אים, תמיד, געפילט — אַ גוואַלדיקן רעספּעקט; מיך געשפּירט ב ט ל — פאַר זיין ערלעכקייט; און ע ר ש ט, ב אַ ד ע ר באַ־געגעניש, — האָט מיך זיין שטילער ווארעמער בליק געלאָזן צעמישט... נישט — יענע זשוליקעס צוויי: אַף וועמעס פרעכהייט צו מיר, איך האָב צוריקגעענטפערט — מיט פאַראַכטונג, — נאָר — ער. ווייל, ער איז גע־ווען — ליבאַוויטש. ער האָט געמיינט פאַר מיר — יענץ ווינקל אין מיין נשמה, — וואוהין איך — מיט אַלע מיינע בראַוואַדעס, — האָב ד אָ ך מורא־געהאַט אַריינצובליקן: ווייל, איך בין, קיינמאָל, נישט געווען זיכער באַ זיך, — וואָס עס קאָן פּאַסירן... איך האָב געזוכט — אין זיך צו פאַר־מויערן י ע נ ע ם מ ק ו ם; אַוועק פון דאָרט — ווייט, אַף אַ צייט; ווייל, איך האָב נישט געוואוסט: „...טאָמער, חלילה, קום איך־צו — פונ־דערנאָענט, — וויאַזוי איך וועל, דערנאָך, ווידער קענען אַוועק...” און אַז מע מוז אַוועק פון דאָרט, (אַזויווי איך האָב שוין געטון, איינמאָל; און ווי איך גיב איבער באריכות — באַ אַ צווייטער געלעגנהייט), — אין דעם בין איך געווען זיכער: שוין, פּשוט, דערפאַר: ווייל עס האָט זיך אַזוי געמאַכט: דאָס איך בין אַוועק פון דאָרט — צו דער וועלט! און איך

האַלט, (הגם איך באַנעם נאָך נישט, רעכט און גרינטלעך — דעם פאַרוואָס,): אַז עס האָט זיך גוט אַזוי געמאַכט, וואָס איך בין אַוועק צו דער וועלט — בלאָנדזשען; און, נישט פאַרבליבן — דער פרימיטיווער עובד פון ליבאַוויטש, אַף תמיד... ניין. איך זע נישט — אַז עס זאָל מיר באַנג־טון; איז אַ סימן: אַז איך האָב גוט אַזוי געטון: וואָס איך האָב מיטגענומען פון ליבאַוויטש — דאָס גרויסע הייליקע ליכט פון דאָרט, און בין געקומען מיט דעם צו דער וועלט: עס צינדן — אין אַנדערע לייכטער; וואָס איך האָב געבראַכט פון דאָרט — די וויזיע, דעם געלייטערטן עקסטאַז, די טיפע אויסדאַכטונגען פון דער אינטואיציע, און איבער דעם אַלעם — לויכטן דעם לויטערן פאַרשטאַנד, — און דאָס אַלעם געטון אַריבערפלאַנצן, מיט זיך — אין דעם חושך פון דער צעדודערטער וועלט: אַז — ליכט־פאַרשטאַנד זאָל זיין אומעטום!... ניין. איך זע אַלץ נישט־איין קיין שלעכטס דערין — באַין אופן. און ווען אפילו יאָ, — איז אויך — פאַרפאַלן. אָפּגעטון, — איז — אָפּגעטון. קיין וועג אַף צוריק — צו דער אַזויגערופענער היים פון דער קינדהייט, פון דער באַזע־פורעמונג און ווערן פון דער איך־קאָנסטיטוציע — איז, קיינמאָל, פאַר קיינעם נישטאָ מער... כל באיה לא ישובון!... אָט דאָס איז מיין כלל: אַזוי — אין מאַסשטאַב פון יחיד; ווי פון פאָלק. געקומען צו דער וועלט, — איז — פאַרפאַלן. מוז זיך געפינען פלאַץ דאָ — פאַר מיר, צי — פאַר אונז; עס מוז! צי מע וויל אונז יאָ־ליידן, צי נישט... קיינמאָל — אַף צוריק! — איר הערט? באַדאַי, ווען נויטיק, — די וועלט איבערדרייען, מיט אונזער אוניווערסאַליזם! נאָר — צוריק, אין דער קליין־קינדיש־געבליבענער נאָרע, פאַר אונז — די ריזיק־אויסגעוואַקסענע, אין דער וועלט, — איז קיין וועג נישטאָ; ווי צו דער מוטערס טראַכט, אַלציינס...

...איך געדענק: ווען איך בין אַוועק פון דאָרט, — האָבן די חברים מיינע, מיט טרערן אין די אויגן, מיך געוואָרנט: „— אַז איך וועל — ווייט, סיי־ווי, נישט קענען אַוועקגיין. אַז איך וועל, קיינמאָל, נישט קענען ווערן אָפּגעריסן — איינגאַנצן. אַז איך וועל — אומעטום, וואו איך וועל זיין, — פאַרבלייבן — אַ ליבאַוויטשער; אפשר — אַן עובד אויך...” איך — דער ליבאַוויטשער עובד פון דער וועלט!...... איז — גוט אַזוי. טאָ, איבער־וואָס דאַרף מען וויינען? איי, עס ציט דעם האַרץ — צוריק אַהיים? איז, וואָס קאָן מען מאַכן? מסתמא, באַדאַרף אַזוי צו זיין. זאָל עס ציען!...

• •

באַלד, האָב איך מיר דערוואוסט פון יענעם חבר — אַסאַך זאַכן פאַראַמאָל...

**„...— די ישיבה — צוזאמען מיטן רבין, זיין גאנץ בני־בית, און די מקורבים — אלע האבן זיך געראטעוועט פון ליבאוויטש. געהאט אויסצושטיין — עינויים קשים; געוואנדערט ממקום למקום; און, מיטן אויבערשטנס הילף, געגרייכט, צולעצט — קיין ראסטאוו-אפן דאן. פון דארט אויס, — האט דער רבי, זאל לעבן, געגרינדעט די אגודה „אחדות ישראל"; און גענומען אנפירן א ברייטע טעטיקייט — לחזק הדת בכל תפוצות הגולה. געשיקט אומעטום זיינע טרייע לייט: זיי זאלן פארלייגן ישיבות — לעורר לבבות הנדחים צו יראת־שמים... און אידן האבן או־מעטום געדאוונט און געלערנט, בלב תמים. מכוון געווען — לקרב את הקץ...**

„...— ביז וואנען דער רשע, ימח שמו, דער באלשעוויק — האט אלעם פארכאפט, פארניכטעט און חרב-געמאכט... געבליבן איז בלויז — ראסטאוו, און אביסל אוקריינע... גאר — דעם רבינס האנט, חלילה, בלייבט נישט אפגעחלשט — אף קיין האר... אזוי, —1) טוט ער אונז כסדר אונטערהאלטן, מיט דער טרייסט: „— אז די ישועה איז נאענט..." אין קרעמענטשוג — מיט דער הילף פון די גור־אריהם — 2) ווערט נאך אלץ אויפגעהאלטן א גרויסער קיבוץ: וואו הונדערטער אידן זיצן על התורה ועל העבודה, יומם ולילה... און אונזערע אייגענע, אסאך פון דער ישיבה, פארן ארום — אומעטום, (דו הערסט, משה מאיר? — מע שלאפט נישט!...) — איבער די אידישע קאלאניעס, אף דער אוקריינע: וואו נאר חב"ד האט געשלאגן א שורש; א, נאך פון די אלטע צייטן, פון ר' הילל פאריטשער ז"ל..., — און מע זאגט דא"ח אין די קלויזן, אלע טאג... מע זעט, מיט אלע כוחות — לעורר־זיין את החלשים לעבודת השי"ת...

1) („...א, אין שוידערהאפטער שרעק, א וודאי; אין געפערלעכן טרויער — ווי פארן סוף...; אין אומויסגאנגלעכער פיין, אין מאוימדיקער צעטומלעניש, אין אנגסטלעכער פארצווייפלונג — פאר זיין גרויסער הער־לעכער ליכטיקער וועלט, וואס ברעכט-זיך, וואס שרומפט איין, וואס פארשווינדט, ווי דער באדן, פון אונטער זיינע טראט, אים-אליין לאזנדיק הענגען, עלנט־פארוויסט, זיך-אומבלאנקען צווישן הימל און ערד...; אין וויי אין מוראדיקן — פאר זיין וועלט, א, וואס פארגייט...; און — א חשכות א גרוילנדע וויקלט אלץ איין — ארום..." „...אף די ראנדן — פון א נייעם בראשית: וועלכן ער, א, ר' שלום־דובער, האט, נאך דאן, נישט באנומען...", —)

2) (אלטע ליבאוויטשער חסידים, און פאבלהאפטע מיליאנערן, וואלד־סוחרים און פאדריאטשיקעס, באם אלטן צארישן רעזשים, און בא קערענסקין; שפעטער, זיך מתחתן-געווען מיט דער ליבאוויטשער דינאס־טיע.)

„...— און ערשט: עס גייען די ימים-נוראים, — פאָרן מיר — דער גאַנצער עולם, פון אַלע עקן וועלט — קיין ראָסטאָוו, צום רבין... מע גיט איבער מפּי־קדשו: אַז ער אַליין, זאָל לעבן, האָט, אַגומלטן, געזאָגט צו ר׳ שמואל גור-אריה: „...— אַז אידן זאָלן זיך-ריכטן אַף דער הילף — וואָס רוסלאַנד וועט פּטרן די באָלשעוויקעס, ימח שמם, במהרה בימינו בקרוב...״ מע דאַרף נאָר אויסבעטן אַ גוט-יאָר באַם הימל — ד ע ם ראש־השנה; יום־כיפּור... אַז אידן זאָלן תּפילה־טון, מיטן גאַנצן האַרצן, פאַר דער ישועה... — ק ו ם , מ ש ה ־ מ א י ר !... ד ו, פ אָ ר ס ט, מ י ט ? ! . ״

געפרעגט האָט דאָס באַ מיר — נאָכן פאַרענדיקן דערציילן דאָס אַליץ, ווי געזאָגט — ד ע ר ד ר י ט ע ר, וועמען איך האָב אַזוי שטאַרק געליבט און טיף-געשעצט. ער האָט מיר, אַזוי-קינדיש און עכט־ליבאַוויטש-תמימותדיק, פאַרקוקט אין די אויגן, אָ, מיט זיין לויטערן, טיפן מענטשן־בליק; פאַר וועלכן איך טו-מיך אַזוי-פירכטערלעך שרעקן — נאָך, ביז היינט צו טאָג; ווייל, ער גייט מיר אַליץ נאָך, דער בליק פון יענעם גע־בויגענעם הייליקן חבר...

אַזוי, האָט ער אַף מיר געקוקט: צוגעלאָזן; עטוואָס דערוואַרעמט, דערפרייט, אַ וודאי, פון דעם: וואָס... „אָט האָט זיך אָפּגעזוכט — נאָך אַ פאַרלאָרענער...״ (אַזוויווי אַ פאַסטוך, וואָס נעמט צונויף זיינע שעפּע־לעך, אונטער אַ שטורעם...) „ווייל באַ אונז שטייט געשריבן: כי לא ידח ממנו נדח...״

ג

...גיי־זשע, וויים: אַז ר׳ הילל פּאַריטשער — יענער שטאָלצער אַל־טער חבדניק, אין וועמעס ספר „פּרדס הילל״ איך האָב געהאַט געגרינ־טעוועט, אין ליבאַוויטש, און מיט זיין מאַיעסטעטישן ניגון, בבחינת מלכות, מיך געפּלעגט מעורר־זיין לעבודה, בשעת־תּפילה, — איז ד אָ, אַף ד ע ר ערד, אומגעגאַנגען, מיט יאָרן צוריק, צווישן די פּאַרגרעב־טע אידן פון די כערסאָנער סטעפּעס, און געזוכט — זיי ווידער מקרב־זיין צו אידישקייט... נאָר — וויאַזוי? וואָס פאַר אַ לשון האָט ער גע־ברויכט פאַר ד י - אָ אידן, אַז זיי זאָלן אים פאַרשטיין?...

...איז: נישט אַנדערש, אַז מ י ט ז יי ן נ י ג ו ן האָט ער דאָס דערגרייכט. מיט דעם כוח פון יענעם שטאָלצן געזאַנג, האָט ער, אַ וודאי, גע־קאָנט — דער גרויסער פּאַרציימישער תּמים — באַ ד י אידן דערוועקן די ווערדע צו זיך־זעלבסט, (אפשר — צוערשט, פאַר אַלעם)— אַלס מ ע נ־ט ש ן אַף דער וועלט; און במילא, שוין דערנאָך, — געפּועלט באַ זיי, וואָס ער האָט נאָר באַדאַרפט...

...אָבער: וואו זענען די שפּורן אהינגעקומען, דאָ — פון יענער צייט?

די ווירקונג, ר' היללס, פון דאן — אף ווי־ווייט האט זי געקאנט גרייכן?...
עפעס זעט מען נישט, בא די פראקטאקעס די הייגטיקע, דעם מינדסטן
זכר דערפון!... סיידן — בא די אויפגעקומענע, בא די ציוניסטן?!. זאלן
ז יי דאס זיין — ר' היללס שטאלצע גייסטיקע אייניקלעך?...

נאר, נישט־לאנג איז מיר אויסגעקומען צו בלייבן הענגען אינדער־לופטן מיט דער אויסטערלישער פראגע. די תשובה — א נאכמער־אויסטערלישע, — איז אונטערגעקומען, אויך־אזוי גאנץ־אומגעריכט — ווי פון זיך אליין...

מיינע אלט־נייע חברים־איצט, האבן זיך געדארפט גרייטן צו דער רייזע: ווייל, מארגן אינדערפרי, פארן זיי אפ קיין כערסאן; און פון דארט — אפן וועג קיין ראסטאוו. זיי האבן געאיילט, דארום, ערשט, צו־זיך אף דער אכסניא. איך — מיט זיי...

...דא, אין ד ע ר קאלאניע, האבן זיי זיך שוין געהאט געפונען — א צייט; ארומגעפארן איבער דער גאנצער געגנט; געזאגט דא"ח אין די שילן, פארן עולם... אויסגעהאלטן אף אלעם גרייטן האט זיי — אזוי־ווי די הונדערטער אנדערע זייערס־גלייכן — דער רבי; פארשטייט־זיך — מיט דער הילף פון די גור־אריהם: וועלכע האבן געמאכט, אין דער מיל־חמה, די פאבלהאפטסטע מאיאנטקעס — אין א צייט, ווען א וועלט מיט מענטשן האט זיך אין בלוט געטרונקען...; און זיי האבן עס געזארגט, אזוי־אייפעריק, פאר דער פערפעקטקייט פון יענער ארגאניזאציע — וועלכע זאל פארשפרייטן דא"ח בא אידן!... אמת — מאדנע?...... אינערהאלב־ווידער אט־דער ארגאניזאציע גופא — ווי איך האב עס געהאט די געלעגנהייט ארויסצוזעען, באלד אפן ארט, — האט איטלעכער דא"ח־מאן רעאגירט — אף זיין שטייגער... אט, למשל — בא די דריי, וואס איך האב דא באגעגנט, — איז: דער ערלעכער חבר מיינער, ד ע ר ד ר י ט ע ר, געווען — כולו סולת, כולו תמים... ערשט א י צ ט, האב איך מיך גענומען פארקוקן, פלוצים — אף זיין הילוך: אזוי ארעם, באשיידן, ווי אמאל — אין יענע גליקלעכע ארעמע טעג פון ליבאוויטש... „... א, דו הייליקער חבר מיינער! ווי איך בענק נאך דיין ליכט!... ביסט פארבליבן — אזוי לויטער־אומבאשפרענקלט, ווי גינגאלד! ווי דיין אידעאל איז געווען, פון תמיד...” דערפאר, אבער, — האט מען געמאנט צוזעען, אצינד — יענע צוויי פארכעס: ווי פארפוצט און פארקנאקט זיי זענען דאס געגאנגען! אזויווי צוויי דאח־לאזע לארדן, אלציינס; אדער — ווי די עקלהאפטע גבזהדיקע שנארער, וואס זענען זיך געקומען פאזשיווען — אזויווי תמיד האט זיך עס געפירט, בא די צעפוילטע אנלייגערס —

על חשבון הגביר... ווייל — קאַזנאַ, בידוע, איז באַהאַטאַ; און מויל־מלאָכה קאָסט זיי, די אויסוואורפן, גאָרנישט...

און עס איז געווען, אַצינד, ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער אכ־סניא, — האָט זיך אַרויסגעשטעלט: אַז דאָס האָבן זיי מיך געבראַכט צו־פירן — אין דעם הויז (טרעפט — פון וועמען?) — נישט פון קיין אַנ־דערן, ווי פון... ר׳ א י ט ש ע ד ע ם מ ת מ י ד!... „אָ, זאָגט: ווי קומט ד ע ר איד — אַהער?!.״ דאָס איז שוין געווען פאַר מיר — צופיל, מיטאַמאָל!...

• •

...איך האָב אויך יענעם אידן געדענקט — פון מיין לערן־צייט אין ליבאַוויטש. אַ קליינינקער, מיט אַ געדיכטער גאָלד־זילבערנער באָרד און מיט אַ פּאָר גילדענע ברילן, אַ שטילער, אַ צעשמייכלטער, נאָר אַ שוויי־[illegible] גער, — איז ער געווען געליבט און טיף־געשעצט בא יעדן... אָט, אַ שטייגער, קאָן איך מיר נישט דערמאָנען: אַז איך זאָל אים האָבן אַמאָל געהערט אויסרעדן אַ וואָרט — אַזוי, אויס זיין אייגענער איניציאַטיוו; אָט, אַף ווי וויים זיין עניוות האָט געגרייכט!... געווען בא זיך, אַ וודאי, איינגערעדט: „...אַז אַזאַ איינער, ווי י ע ר, — ווּ אָ ס האָט ער צו פאַרקויפן?... שוין ליבערשט — אַליין שווייגן; בעסער — אויסהערן, מיט הכנעה: וואָס אַנדערע, מ ע נ ט ש ן, האָבן צו זאָגן...״ ...פונ־דעסטוועגן, האָט מען געוואוסט צו דערציילן פון אים: „— אַז ער — אָט דאָס קליינע אידעלע, ווי איר קוקט אים אָן — איז ער מלא וגדוש; אָנגעשטאָפּט מיט תורה והכמה ויראת־שמים...״ ...אַ וודאי: נישט־אומ־זיסט, האָט מען אים געקרוינט מיטן טיטל „דער מתמיד״. ער האָט — אין די יונגע, נאָך בחורשע יאָרן — געפּלעגט אָפּגעבן זיין לעבן, די טעג מיט די נעכט: אין עוסק־זיין בעבודה, בתפילה, בלימוד הנגלה והנסתר און אין זיכוך־המידות; ממש, דערגאַן בא אים — עד מסירת־נפש... אָט, אַ פּנים, דערפאַר אפשר, איז ער (דאָרט, אין דעם קליינעם מקום — לי־באַוויטש) געקומען צ ו ד ע ם, — אַף וועלכן מיר גייען אָן, מ י ר אַ ל ע — אין דער גרויסער וועלט; דאָס הייסט: צו „תכלית הידיעה, שנדע, שלא נדע...״ ווייל: כל הנחלים, כידוע, הולכים אל הים... „...איז, ווינבאַלד אַזוי — האָט ער, אַ וודאי, בא זיך געטראַכט, אָט יענער גרויסער ענוו — מה נאמר ומה נדבר? וואָס האָט ער צו רעדן, זיך שטופּן צווישן גרויסע לייט, זיך מאַכן אַרויסזעען?...״ און ער האָט געזוכט: זיך־אויסצו־באַהאַלטן אין דעם לעצטן ווינקל — „באַגלייך מיטן שטויב, אַלציינס...״ ...אָבער, עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן — דעם קליינעם בעל־גאווהניק;

און דער רבי, ר' שלום-דובער שניאורסאָן — האָט אים אויפגעהויבן פון זיין שטאַנד, וואוהין ער האָט זיך געטון פאַרוקן; און אים אַריינגעפירט — לפני-ולפנים: אים געמאַכט פאַר איינעם פון זיינע אינטימסטע מקורבים...... נאָר ער — דער קליינער קלוגער אידל, מיטן פיקחותדיקן חן-פינטל אין זיין תמיד-צעשמייכלטן בליק — האָט געהויבן מיט די אַקסלען, פאַר חידוש; צעפירט מיט די הענט, פאַר שטוינען; געפרעגט בּאַ דער וועלט אַ קושיאָ: „— געוואַלד! פאַרוואָס קומט עס אים אַנצוטון אַזאַ כבוד?! וואָס אַזוינס האָט ער דען געטון אַזעלכעס? ווער איז ער דען אינגאַנצן? — אַ איטשע! אַ איד, אַ פּראָסטער גוט-שבת; טאָ: וואָס אַזאַס האָט מען דאָ אַף אים דערזען — וואָס מע מאַכט אים אַזאַ וואַרע? באשר-בכן — ער דאַוונט, ער לערנט? נו — טוט ער דערמיט אַ טובה, חלילה, דעם רבונו-של-עולם, אפשר?! אַז נישט, — טאָ: וואָס-דען זאָל ער טון — איטשע, דער פּראָסטאַק, דער איד — נ י ש ט - דאַווענען אפשר, נ י ש ט לערנען?!; נאָר — ס ת ם זיך־אומדרייען, פוסט-און־פּאַס, ווי אַ איוואַן, אַף דער וועלט און פּאַסקודיען, — נו, וועט שוין זיין גלייכער?... נו, און אַז דאָס הארץ בּאַ אים, אַמאָל, בשעת-תפילה, טוט אַ וויין — פון צער, צי פון עונג, — איז, לכן, קומט אים, דערפאַר אפשר, אויך — אַ שיינעם דאַנק: ווייל ער, איטשע דער גולם, האָט מיטדערמיט — די וועלט גליקלעך־געמאַכט?..." אַזוי האָט ער כסדר געהאַט תרעומות אַף דער וועלט, דער גרויסער ר' איטשע דער תמים; מרעיש-עולמות געווען: „— וואָס וויל מען פון זיין לעבן האָבן — וואָס מע האָט זיך אַף אים אָנגעזעצט, מע פאַרצאַפּט אים זיין בלוט?"; זיך-געבעטן, געחלשט: „— מע זאָל אים לאָזן בלייבן — דאָרט, וואו ער איז: אינעם פרוזדור; וואו אַזאַ איינער, ווי ער, פּאַסט זיך; און נישט — אים פירן צום טרקלין; ווייל — ער וועט עס נישט אויסהאַלטן!..." ביזוואַנען, מע האָט אים געמוזט צוליב-טון, דעם שטרענגן ר' איטשע; אים צורו-לאָזן — באשר הוא שם: דאָרט, וואו ער שטייט, ער געפינט זיך...... דער רבי ר' שלום-דובער האָט אים אָנפאַרטרויעט די שליחות: אַרומצופאָרן איבער דער מדינה; זאַמלען פאַר דער קופּת־הישיבה „תומכי-תמימים", וואָס דער רבי האָט אויפגעהאַלטן אין צפת; און ר' איטשע דער עובד — מיט זיין זעלבער התמדה פון תמיד, — איז אַרומגעפאָרן, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר; נישט גערוט; נישט געווען, קיינמאָל, אין זיין אייגענער היים; אָנגעשפּאַרט, וואו די וועלט האָט אַן עק, און געזאַמלט... בלויז פון-צייט-צו־צייט, פלעגט ווער פון די אַנשי-שלומנו ברענגען אַ גרוס: „— אַז מע האָט אים וואו געטראָפן, ערגעץ, אין אַ פאַרנאַכט, אַף אַ וואָגזאַל — ר' איטשע דעם עובד: ווי ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל — אויסגעטון פון דער וועלט; שטיל, ווי אַ קינד; און זיך-באַגאָסן בדמעות

ישליש..." ..אזוי, איז ער אַלץ אַרומגעשפּאַן און געזאָמלט... אין עבודה און אין תפילה... ערשט, אַף די ימים נוראים, — פּלעגט ער אַנטרייבן, פון ערגעץ, קיין ליבאַוויטש — איבערצוזיין, ביז נאָך די ימים-טובים. נו, האָט מען געמאָגט צוזען: וואָס דאָרט האָט זיך גענומען, ווידער, טון אַרום דעם קליינעם אידעלע! עס איז געווען — חדש ימינו כקדם: די ליבע און די שעצונג — ווי אַמאָל; נישט געענדערט. מע האָט זיך גע-טוליעט צו אים; אים, ממש, געטראָגן אין דער לופטן... נאָר, ער — דער עקשן, דער קליינער בעל-גאווה, — איז אויך געבליבן — אַזוי קלוג און קינדיש, ווי געווען; און זיך־אַלץ נישט־געלאָזן — זיין לויטערן פרייען קאָפּ פאַרדרייען; גענומען דראָען, מיטן האַרבן וואָרט און מיטן גראָבן פינגער: „— אַז באַם לאַ — דאָס הייסט, אויב מע לאָזט אים נישט צורו־גלייך, — אַזוי כאַפּט ער און אַנטלויפט, אויס די הענט פון זיינע פייניקער — וועט מען אים שוין דאָ נישט־אָנקוקן מער!..."

• •

...אַ וודאי, האָב איך, קיינמאָל, נישט געוואוסט — אַ ט ד אָ ס, וואָס איך האָב, ערשט אַצינד, אַף דער שוועל פון זיין הויז, דערגאַנגען: אַז ר' איטשע דער מתמיד, (אַט דער קליינער אידעלע, וואָס האָט זיך, אַלע זיינע יאָרן, געיאָגט צו אַנטלויפן פונעם טרקלין, און נישט געקאָנט פון אים אַרויס, באַין אופן, פשוט-דערפאַר: ווייל, אומעטום, וואו ער האָט נאָר זיין פוס געשטעלט, איז דער טרקלין באַלד אַרום אים אויסגע-וואַקסן, געוואָרן אַזוי גרויס, ווי די גאַנצע וועלט), — אַז ער שטאַמט דאָס — פון אידן־קאַנטאָניסטן: וועלכע זענען דורכגעגאַן דעם פייער און בראַנד איבער דער וועלט; נאָר מיטן האַרצן פאַרבליבן ריין... געקומען שפּעטער און זיך אַף די כערסאָנער סטעפּעס פאַרפלאַנצט; געבליבן פאַר-גראָבט און פרעמד — אַ צייט מיט יאָרן; ביז וואַנען עס האָט פאַרבלאָנ־זשעט אין יענע מקומות — דער גרויסער פאַרצייטישער עובד, ר' הילל פאַריטשער דער בעל-מנגן און, מיט זיין שטאַלץ און ליכטיק געזאַנג, זיי צו אַ ניי אידיש לעבן דערוועקט... אַ ט ד אָ ס זענען די שפּורן פון אים, פון ר' היללן, געבליבן: ר' איטשע דער מתמיד — וואָס גייט, אַצינד, אין זיינע דרכים; טרעט ווייטער אונזער אידישן דרך צו דער וועלט...

נאָר, נאָך גרעסער איז געווען מיין חידוש: ווען איך בין אַריבער די שוועל פון ר' איטשעס וואוינונג, אַריין אין שטוב און — דערזען פאַר זיך ז יי נ ע צ וו יי ט ע כ ט ע ר: וועמען איך האָב געקאָנט אַזוי גוט — פון דעם ציוניסטישן קרייז אין דער קאָלאָניע!... „...אַט, אַ פּנים: א י ן ז יי, מיט זייער שטאָלצן באַפרייונגס-אידעאַל, ((וועלכער, אַגב, רירט זיך נישט אַוועק, דאָ, (ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט,) פון דער

בערנאַנער צרה, דאָס הייסט, *פון דער וועלט*, (שיר נישט — פון דעם *וועלט-ציוניזם*...)), — זאָל איך אויך זעען — די מערקווירדיקע שפּורן פונעם גרויסן ר׳ הילל... מאָרגנ — וואוהין די וועגן פון אַ מענטשן טוען פירן......״ ערשט — באַם דערזעען־זיך, אומ־ גערינכט, מיט יענע מיידלעך, באַ אַזעלכע אויסטערלישע אומשטענדן, — האָב איך דערשפּירט: ווי איך ווער רויט, פאַר צעמישונג; פונקט ווי מע וואָלט מיך געפּאַקט באַ דער האַנט... נאָר זיי, (ר׳ איטשעס טעכטער,) האָבן זיך־געמאַכט — נישט־וויסנדיק; און מיך-אויפגענומען — זייער־ איידל און פריינטלעך... דער פאָטער זייערער, ווי תמיד, האָט זיך געפונען — ערגעץ הינטערוועגנס; שוין לאַנג, פון אים קיין נאַכריכט נישט באַקו־ מען. נאָר, זיי מיט דער מוטער האָבן געגעבן אַכטונג אַף דערווירטשאַפט; און אויך געזאָרגט — פאַר דעם טאַטנס חברים...

---

— 4 —

מיטן טאָג גלייך, — האָב איך מיך שוין געפונען, צוזאַמען מיט מיינע אַלט-נייע פריינט — אַפן וועג קיין כערסאָן; וואוהין מיר זענען אָנגעקומען — זייער פרי; פאַרפאָרן צו אַ חסיד: איבערזיין דעם טאָג און, אַפן אָוונט, נעמען די באַן ווייטער — אהין, קיין ראָסטאָוו...

דערווייל, זענען מיינע דריי נשמה־פאַנגער אַוועק — אין ערגעץ, צו די זייעריקע: דערליידיקן ענינים... נאָר — *מיך*, — האָב עפּעס נישט געצויגן צו קיינעם... בלייבנדיק — אַליין, מיט זיך, — האָב איך, *מיט יענעמאָל*, דערזען — *מיין גאַנצע ווילד־פרעמדקייט צו זיי!*... „...וואָס? ווען?!. עורבאָ פּרח... אַפן הימל אַ יאריד... אָ, די נעכטיקע טעג; וועלכע זענען שוין אַוועק — אַף תמיד; *זיי קענען* מער, קיינמאָל, נישט צוריקקערן. פאַרפאַלן... נאָר, *איך איינער* — דער אומגליקלעכער אידיאָט, מיט מיין פאַרברעכערישער טבע: זיך־נאָכצויאָגן, אַ לעבן-לאַנג, נאָך פאַנגען אי־ לוזיעס, — גיב מיר נישט קיין רעכענונג דערפון; גיי, ווידער — צע־ טרענצלען פרישע כוחות, געזונט מיט ענערגיע; זיך־פּלאָנטערן — איט־ לעכן צווישן די פיס; ווערן — אַ אָנלייגער, אַ שנאָרער, גלייך ווי אַנ־ דערע ליידאַקעס־אַלציינס!; ביז וואַנען מע וועט זיך נישט כאַפּן אַף מיר, ענדלעך: *ווער, איך, ביז*, — און מיך דורכטרייבן!... היינט — צוליב־וואָס פאַר איך?!.״

ווי געזאָגט, — האָב איך געהאַט פאַר זיך דעם טאָג — פריי. איך האָב מיר, פּלוצים, דערמאָנט...

...אַן איינעם אַ זכר פון מיין כיתה אין ליבאַוויטש: פישל כערי־טאָנאָוו, אָדער — ווי מע פלעגט אים דאָרט רופן, לויט דער שטאָט — פישל כערסאָנער; מיט וועמען, אגב, איך בין אויך, דאָרט, איינגעשטאַנען — אַף איין אכסניא; געווען, אַזוי־ווי באַפריינדעט... איך, האָב אויך געקאָנט — זיין פאַטער: וועלכער פלעגט אַראָפּקומען, אַמאָל אַף אַ יאָנטעוו, קיין ליבאַוויטש... געווען — אַ ברייטער, געזעצטער איד; ווייט — פון האָבן געליטן סיגופים, אַמאָל; אַ אָנגעפּרעסענער, מיט אַ רויטן קאַרק; אַ אָנגעזויפּטער מיטן דרום־וויין און פּרוכטן; מיט אַ זאַפטיקן דורכגעווייקטן האַלז — פון געטראַנקען; מיט איינגעטונקטע אויגן — אין דעם לעבנס־זאַפט און נחת פונעם נאַש; און מיט אַ שוואַרץ־געדיכטער — און פונעם וויין־זשליאָקען — געזילבערטער באָרד... כ׳געדענק: באַלד, ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן קיין ליבאַוויטש, — האָט ער געפלעגט אויסזוכן — ד י ז יי נ י ק ע ח ב ר י ם: אַזעלכע דרומיאַנער, ווי ער...; און גענומען זאָגן פאַר זיי — אַן איינעם מאמר חב״ד אַפן פסוק „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלוהיך בשמחה ובטוב לבב...” ווייל, בידוע, איז: הרבה פנים לתורה; און אויך פאַר אים — פאַר יענעם נאַשער — איז זיך־געווען אָנבאַרייט ז יי ן דרך אין עבודה...

איז — איצט, האָב איך באַשלאָסן: זיי־אָפּצושטאַטן (הויפּטזאַכלעך — מיין חבר) אַ אומגעריכטן וויזיט... געפרעגט: ווי מע גייט צו זייער הויז; (מיך־דערוואוסט, אגב: אַז זיי זענען, אין דער מילחמה, זייער־רייך געוואָרן; נאָר, דאָס לעצטע האָב איך — אַזוי־ווי נישט־דערהערט; ווייל — מיר נישט געווען נוגע...), — האָב איך מיך געלאָזן אַהינצו...

איבערן וועג, — האָב איך מיר אַליין דערמאָנט זאַכן וועגן יענעם חבר... אָט, אַ שטיינער, איז אַרויפגעשוואומען אַ פאַל...

...איינמאָל, אין ליבאַוויטש, אַן אָפּדערנאַכט... האָב איך פאַרפירט מיט אים אַן אַמפּעריי — וועגן „אַ גוואַלדיק טראַנסצענדענטאַל” פּראָבלעם: „— ווער איז גרעסער? ר׳ שניאור־זלמן מליאדי ז״ל, דער מיסד שיטת החב״ד, — אָדער — דער היינטיקער רבי, ר׳ שלום־דובער שליט״א...” בא מיר — דעם „איגנאָראַנט” — איז גאָר קיין ספק נישט געווען: אַז — דער בעל „התניא”... דאַרום, שטעלט אייך פאָר — מיין חידוש!... ווען ער, יענער פישל כערסאָנער, האָט דאָס דערהערט, — אַזוי האָט ער גלייך גענומען לאַכן פון מיר, מיט מיין... „— פאַרשטאָפּט האַרץ... ווי הייסט: עס קאָן מיר גאָר איינפאַלן — אַזא אומגעלומפּערטקייט?! עס איז דאָך, היינט־צו־טאָג, אפילו פאַר אַ קינד אין וויג קלאָר:

אַז ר׳ שלום־דובער, זאָל לעבן, איז — אחד!...״ אָפּגערעדט, — האָט ער זיך, מיט אַ האַנטיקן ביטול-זשעסט, שאַרף אָוועקגעקערט פון מיר... עס גאָר געהאַלטן נידעריקער פון זיין כבוד — פאַרצוזעצן ווייטער דעם וויכוח! „...זע נאָר — מיט וועמען!...״

...דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען — דאַן: אין יענע עקסטאַטישע אינגליאָרן פון ליבאַוויטש, וועלכע מיר האָבן, דורך אונזערע בלוטיקע אילוזיעס, געזוכט — צוריק אין אומפאַרציילעכער, נאַריש־גליקלעכער קינדהייט צו פאַרוואַנדלען... ווייל: אַזוי גוט, ווי קינדהייט, ווען זי איז אין וואוקס, איז זי מלא־חן, — פונקט אַזוי אידיאָטיש קומט זי פאָר: ווען זי גייט — זיך-אַליין אַריבערוואַקסן, זוכן עקספּאַנסיע און משיג-גבול-זיין — עלטערס פון-זיך. ווייל: נישטאָ גאָר קיין ערגער פאַרברעכן, ווי נעמען (לאָז זיין, אין נאָמען פון דיין אויסגעדאַכטן, כלומרשט־העכסטן אידעאַל,) און אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער אייגענער צייט, דאָס הייסט, פון דיין אומבאַדינגטן קאַטעגאָריש־אימפּעראַטיוון וואוקס אינעם לעבן; אַליין-גאָר — צוריקטרעטן צום גליק פונעם קינד; זיך-אומטרייבן אין די הימלען — אַף בלינד... לכן, — איז טאַקע טשיקאַווע צו זען, ערשט: ווי איך האַלט מיט מיין חבר — אין מיין דיספּוט פון דאַן...

...צו די סיבות, וואָס האָבן מיר געבראַכט אַסאַך אומגליק, אין מיין לעבן, (און וואָס וועלן נאָך ברענגען), — געהערן פאָלגענדע: מיין נעמען זאַכן — ערנסט, אָדער (ווי מע איז געוואוינט צו זאָגן וועגן מיר) — צו-ערנסט, און קאָנסעקווענט, דאָס הייסט — פאַרבינדן אידייע מיט טאַט; מיין גלויבן, (לאָז זיין — גוט, לאָז זיין — פאַלש;) מיין לעבן — אָפן, נאַקעט, נאָר — אָן מאַסקעס; און מיין טיף־טיף געפיל פון ליבע, פון צובינדן-זיך צו מענטשן; עס הייסט, דוכט-מיר: פון גלויבן אין זיי, און זיי פאַרטרויען. מיר דוכט אָבער: אַז דער קוואַל פון די־אַלע סיבות שלאָגט — אוים איינער, אַ קאַרדינאַלער: פון מיין גרייזלעכער טיפּשות; אָ, פון דעם זעלבן מקום, פון וואַנען עס קוועלן — אַלע מיינע פאַרברעכערישע, ווייל — נאַרישע, אילוזיעס... פריינטשאַפט, ערנסטע, — אַלץ איז — מיין אויסדאַכטעניש, מיין אילוזיע; וואָס טרייבט מיך — אין שאול־תחתיה, עס הייסט: צום ביטערע־אויסגערעכנטן אויסוואורף, (וועלכער איז אַזוי-להוט צו-פאַרצערן דעם פייער-פלאַם מיטן ליכט פון יענעם...): ער זאָל מיך אויפנעמען, מיך־אונטערווינגן, מיך־אויסנוצן און פאַרטרייבן... דערפון, קאָן-זיין, נעמט־זיך: וואָס איך בויג-אַמאָל אַריבער דעם שטעקן, שוין צופיל — אַף דער אַנדערער זייט; און איך קום מיך פאַרפאַנצערן — אונטער אַ מאַסקע פון אייז און האַס...

אַז מע זאָל בײַ מיר נישט-אויסרײַבן אײַנגאַנצן מײַנע ליבע־קוואַלן,
לאָזן עפּעס פון דעם ברען־מינעראַל
אויף פאַר דעם נעבעכדיקן אייגנטימער פון אידעאַל...

...דאָס זעלביקע איז געווען — איצט. אַז איך בין געגאַנגען צום אַמאָליקן חבר מײַנעם פון ליבאַוויטש, — האָב איך דערשפּירט, פּלוצים, אויפשלאָגן אין מײַן האַרצן — אַ גוואַלדיקן ליבע־צושטראָם צו אים: וועלכער איז דאָך געווען — מײַן דירעקטער חבר פון יענער צײַט! נישט — ווי די אויבנדערמאָנטע, וועלכע זענען געווען פאַר מיר: בלויז — מיליע, סביבה; מיך — דירעקט, דאָרט, קיינמאָל, נישט-אָנגערירט... אַ-צינד, ע ר ש ט — ד י ר ד ־ א י ם, — זענען ז יי א ו י ך צו מיר געוואָרן — נאָענטער; זיך-אָנגערוקט צו מיר; ארויף אף מיר, מיך אַרומגענומען, מיך אײַנגעהילט; מיך אויפגעריסן, מיט מײַן גלי־ווערק, ווי אַ וו א ו ל ק אַ ן, אויס מײַן טיפסטער צעזאָדענער טיף; און מיך, מיטיינמאָל, אַ רוק-געטון — איבער מײַלן, איבער תהומות — אַהין, צו מײַן היים, ל י ב א וו י ט ש...;מיך גענומען פאַרצערן — אין בראַנד; מאַכן, פאַרײַנמאָל, צעשמעלצן — מײַן פרעמדקייט, מײַן אייז־קאַלטקייט, מײַן געפריר; מיך, ווידער, אויפזידן — יונג; און גלויביק-אייגן, ווי געווען; אַ האָר נישט געענדערט...; אַ, גלײַך ווי ערשט־נעכטן האָט דאָס אַלץ מיט מיר פּאַסירט...; און אינדערמיט, (די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב פון דאָרט געפעלט), — איז בלויז אַ ק אָ ש מ אַ ר ג ע וו ע ן — אַ וויסטער, אַ ברודיקער; וועלכער דאַרף, איצט, אויסגע-ברענט־ווערן, מיטאַמאָל, — אַזוי, וועט־ווערן אָפּגעטון-פון-מיר — דעם מכשפס שפּיל; די וויסטע פאַרבלענדזעניש פון דער טייפלשער וועלט; און ווידער, וועל איך דערוואַכן — הייליק־ריין; געלייטערט, קינדיש און גליקלעך, ווי געווען... „אַ, אַט דעם גרײַלעכן וואונדער, וואָס קיינער, ביז איצט, פון די גרויסע, (אפילו נישט — דער דריטער ערלעכער בחור פון די דרײַ; אפילו נישט — ר׳ איטשע,) האָבן נישט געקאָנט באַווײַזן, — וועסט ד"ו עס, איצט, אויפטון, מיט איין וואָרט — ל י ב ע!... דו, חבר מײַנער פון יענע בלוט-גליקלעכע טעג, צו וועלכע איך בין פאַר אַ קרבן פאַרשניטן!... דו, חבר מײַנער, צו וועמען מײַן געווען-פאַרשטאָפּט און, איצט-פּלוצים, אַזוי־אויפגעשטורעמט־אויפגעקאָכט-אויפגעפלאַקערט האַרץ, גליט און עס שטרעקט־זיך, ביז אויסגיין, אַנטקעגן...״

געטראָפן האָב א י ך, דער יאָלד — אין זייער־אַ רײַך פאַרפּוצט הויז, יענעם פישל כערסאָנער: נעט-אייראָפּעאיש געקליידעט; מיט אַ פריש־ראָזעווע און פיין־אַרומגעראַזירט פּנים: וואָס האָט — חזירש-שטום, און אייז־פרעמד — „...געשפּאָט פון מיר, דעם שנאָרער...״: מיט מײַן

אַרעמען הילוך; מיט מיינע בלאָנדזשעניש; מיט מיין בענקשאַפט צו נעכטיקע טעג; מיט מיינע ליבע-זוכעניש; מיט מיין אומטראָגן־זיך, ע ר ש ט — ווידער, (אָ, ווי אַמאָל — אין ליבאַוויטש; אַ האָר נישט-אַנדערש;) — אַ נייער לעקעשעוואַטער משה, מיט שברי-לוחות אינעם האַרצן; וועלכע קיינער באַדאַרף נישט מער — היינט־צו-טאָג; ווייל — „...צו-וואָס־דען נוצט עס?!...״ ...אַלץ דאָס נעכטיקע, (און בּאַ מיר אין האַרצן, אַצינד — דאָס זינדיקע, ווי מיין לעצטער דעך פון לעבן; אָ, ווי מיין גאַנצע נשמה, מיט מיינעביידע וועלטן — אַף איין קאָן געשטעלט), — איז בּאַ אים — בּאַ יענעם פישל, (דער העלד פון טאָג: ליבאַוויטש, כערסאָן — ווי־ווען עס פאַסט זיך...) קענטיק: שוין לאַנג געווען — טויט, עקל, פאַרוויסט... און — ווי אַ פערפעקט-גענעזענער, נאָר, דער אימער זעלבסט-זיכערער אידיאָט, — האָט ער זיך גענומען, אַצינד, (אַקוראַט ווי אַמאָל, דאָרט-אין-ליבאַוויטש — מיט זיין „חסידות״;) רימען פאַר מיר — מיט זיין „אויפגעקלערטקייט״! מיר, פאַראַמאָל, אויסגעזאָגט דעם סוד: „— אַז ער איז אַ מאַקסימאַליסט, אַ באָלשעוויק! און ער פייפט אַף דעם ליבאַוויטשער רבין, דעם פינצטערלינג, מיט זיין באַנדע — וועלכע האָבן זיך ד אָ ר ט פאַרשאַנצט, אין ראָסטאָוו; געלאָפן זוכן שוץ — בּאַ די ערגסטע רעשטן פון דער צאַרישער רעאַקציע; צוזאַמען, אויסקוקן — אַף דער מפּלה פון אונזער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע... אָבער — נישט דערלעבן וועלן זיי דאָס! ווייל — עס איז נישט ווייט דער טאָג פ ו ן ד ע ם ל י כ ט , און פון דער אַלגעמיינער באַפרייאונג! ווען די אַלרוסלענדישע מעכטיקע פּראָלעטאַרישע פויסט וועט זיך-אויפהויבן, ווי אַ האַמער, איבער דעם רויטן דאָן; און צעפּלעטשן דאָרט אַלע שונאים — יאַק מאַק!..״ — האָט ער פאַרענדיקט, דער העלד פישל, מיט פלאַמיק־רעוואָלוציאָנערן צאָרן אין זיין קול; און דערביי, — אַלץ נישט־אויפגעהערט צו קוקן אַף מיר, מיט ביטול און אומפאַרשעמטן עקל: „...וויאַזוי א י ך , ד ע ר ש ל ע פ ע ר , זע אויס...״

אין דעם, — איז אַריינגעקומען זיין פאָטער; (וועמען איך האָב גלייך דערקאָנט — מיט זיין באַזויפענעם שטעל; וועלכער האָט, איצט — אָ, אין די זאַטע פאָר־יאָרעלעך מלחמה — אַ וודאי, צוגעקראָגן — נאָך אַ היבשע דאָזע פון יענער ש מ ח ה א ו ן ט ו ב - ל ב ב ...) דערהערנדיק די „שרעקלעכע״ רייד פון זיין זון, — האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל פון — ש ו י ד ע ר ! נאָר, עס האָט אים, גאַנץ-ווינציק, געסליידט. ער האָט זיך, דאַרום, גלייך צעלאַכט; אַ פאַטש-געטון ליבלעך

דעם בין איבער דער פּליִיצע, איז געזאָגט: „— אַז מע איז געקומען; עס וואָרט אַף אים — דאָס געשעפט...”; — און ער איז אַרויס...

אָבער, איך — דער פרעמדער, — האָב דאָס אַלעס געהערט, און געקלערט: „...זע נאָר: ווי פאָטער און זון — דער חסיד און דער מופקר — האָבן זיך־עס אַזוי־האַרציק אויפגעלעבט צוזאַמען: אונטער די וואַרעמע פליגל פון געשעפט... אַ, ווי אַנדערש דאָס האָט זיך-געדענקט — בּאַ מיר און מיט מיין פאָטער דעם אָרעמאַן, (און ווי איך וועל דאָס איבערגעבן באַריכות — אַ צווייט מאָל;) וועלכער האָט — איין געשעפט פאַרמאָגט אין זיין וועלט: מיך, זיין זון; און אַלע זיינע קאַפּיטאַלן געלייגט אין מיר; בנים גדלתי ורוממתי... נאָר, ווען ער האָט גענומען איינזען, (לויט זיין בליק, נאַטירלעך,): וויאַזוי איך, דאָס געשעפט-זיינס, נעם ברענגען דורכפאַל — והם פשעו בי..., — איז ער — דער ערנסטער קאַצקער חסיד, דער תמים, (וועמעס ערנסט, אַ פנים, איך האָב איבערגענומען,) — פון צרות, שיר־נישט פון־זינען געקומען...1)

„...נאָר דאָ — אין דער פרעמדער רייכער שטוב, — זע: ווי אַנדערש עס גייט־צו — דער „גרויזאַמער” דיספּוט צווישן אַי-דייאַיש־ווייטע פאָטער און זון... אַ, ווי רירנד־האַרציק; ווי איידל! און, דער־עיקרשט — ווי ניבטער־געשעפטסמעסיק ביז־גאָר...... איז: אַז מע גיט זיך די מי אַ טראַכט־צו־טון — איין, שפּאַן, ווייטער, — אַזוי, דער-זעט מען אויך באַלד — די גאַנצע סיבה־ומסובב דערפון: אַז דער־אַ פּישל — דער טאָג־באַלשעוויק; דער דערוואַכטער און אויפגעקלערטער, לויטן

---

1) (און שפּעטער — איבער דעם, פון דער וועלט געגאַנגען; מיר, קיינמאָל, ביזן לעצטן אָטעם פון זיין לעבן, נישט מוחל געווען; מיך, צו זיין טויטן־בעט נישט צוגעלאָזט; געשטאָרבן — אין טיפער, שרעקלעך-איינזאַמער מרה־שחורה: „...אַז ער איז פאַרוויסט פון ביידע וועלטן — וואָס ער לאָזט קיינעם נאָך זיך נישט איבער; ער שטאַרבט — עלנט, ווי אַ שטיין; ווייל, זיין זון — דער משומד — איז דאָך, נאָך פאַר זיין לעבן, אָפּגעמעקט געוואָרן פון געדעכעניש!..” אַזוי איז ער אַוועק, מיין אומגליק-לעכער אָרעמער פאָטער, מיט זיין שווערן און דאָך — טיף־גליקלעכן ערנסט; און מיר — דעם פאַרשטויסענעם און שטאָלצן זון זיינעם, — גע-לאָזן: יענעם טראַגיש־לויכטנדן ערנסט — פאַר אַ ירושה; פאַר מיין לי-בער לאַסט אינעם לעבן; פאַר וועלכן איך צאָל, מיט פרייד, יעדן טאָג — מיט פּיין...)

לעצטן וואָרט פון זיין צייט, — איז, איינגעלעך, מיט קיין האָר ווייניקער — איינגעראָטן אין זיין טאַטן; (אַקוראַט, ווי איך — אין מיינעם.) און פונקט ווי באַם אַלטן — אַף ז יי ן שטייגער, אַזוי אַט באַם יונגן — אַ ף ז יי נ ע ם, — האָבן זיך, זעלטן-אידיליש, געפּאָרט: מלחמה-געשעפט, רויב און שאַנד — מיט שימפּן „...— די לעצטע רעשטן פון דער רעאַקציע; זיי אָנזאָגן דעם שנעלן וויסטן סוף — צוזאַמען מיט דער פינצטערלינגישער ליבאַוויטשער דינאַסטיע; וועלכע איז געלאָפן צו זיי — זוכן שוץ; ווי אַ מינוט פאַרן טויט!...”

בין איך מיר מודה ומתוודה: אַז איך האָב, נ אָ ך ד אָ ן, זייער-ווינציק, אָדער — כמעט-גאָרנישט, פאַרשטאַנען: בנוגע דער ראָל, וואָס די ליבאַוויטשער דינאַסטיע האָט, אין יענע היסטאָרישע יאָרן, צו-געשפּילט אַף דער האַנט — דער רוסישער רעאַקציע; מיט דעם אויסקוק, מיסתמאָ: „...אַז די מפּלה פון די אַפּיקורסישע באָלשעוויקעס, ימח שמם, וועט ווידער לאָזן אויפריכטן אין רוסלאַנד — די אידישע אמונה; לאָז זיין — אין פעריאָדישן באַגלייט פון פּאָגראָמען...” אָט די ליניע, אַ וודאי — האָט דער רבי, ר׳ שלום-דובער געקאָנט מיינען, אַז: ער מוז זי ציען — „...נאָך פונעם זיידן, דעם ליאַדיער, זי״ע: וועלכער האָט, כידוע, אויך גע-אַרבעט — פאַר דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן דעם כופר, ימח שמו; און, טאָג-ווי-נאַכט, מתפּלל געווען — פאַר דעם מלך-חסד, דעם צאַר...”

נאָר — מ י ר איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען; פּשוט — דער-פאַר: ווייל איך האָב דאָך דאָס אפילו נישט-באַנומען, ווי געהעריק... פאַר מיין אָרעם אויפגעלעבט צעגליט האַרץ איז דאַן בלויז געשטאַנען — אַ לעמטערער: אָט דער אָקאָרשט-געוועזענער חבר מיינער, און אַצינד — דער פּלוצים-אויפגעקלערטער און דערוואַכטער, — און האָט עס געטויט, מיין האַרץ, מיט זיין איטלעכם שרעקלעך-העסלעך וואָרט... איך האָב גע-שפּירט: ווי ער ממיתט מיך — אַפן אָרט; אַז ער טוט מיך שענדן, אַ, אין מיינע סאַמע-אינטימסטע און ערשט-אויפגעלעבצטע, די מיטיינמאָל-צעעפנטע קעמערלעך, אַזוי ווי אַנגעבליטע בעכערס-אַלציינס, פון מיין אָרעמער פאַרפּייניקטער זעל; ווי ער כראַקעט אַריין אַהינצוצו — זיין גאַווער, זיין עיפּוש, זיין גראָבע חזירשע פרעכהייט, מיט זיין גאַנצן טויט-פּגר-געפּריר — אין מיין האַרצן!.. אַזש, איך האָב אויפגעשווידערט — פאַר גרויל-עקל, פאַר דער פּאַסקודע; מיך קוים אָפּגעריסן פון אָרט, און אַרויסגעלאָפן פון דאָרט...

איך בין ז י ך - אַ ל יי ן געווען — נמאָס, ביז צום ברעכן. אַלע מיינע ביינער האָבן געזאָגט — קוויטיק, שמוציק, געעקט...

•

אזוי, בין איך געקומען צוריק אף מיין אכסניא; וואו מע האָט שוין געהאַט אויסגעקוקט אף מיר; זיך באַניים געגרייט אין וועג אַריין. נאָר, איך — ווי אַן אָבל, ר"ל, אַ באַגראָבענער צום טויט, — האָב צו קיינעם נישט-אויסגערעדט קיין וואָרט; האָב נישט געזען קיינס פאַר די אויגן; מיך געלאָזן פירן; מע זאָל טון מיט מיר, וואָס מע וויל...

מיר זענען אַרויסגעפאָרן...

•

...געווען איז דאָס — דעם צווייטן טאָג, אינדערפרי. דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו אַ קנוף-סטאַנציע. דאָרט, אַפן וואָקזאַל, האָט מען געמוזט אויפוואַרטן אַ שעה. אַף פאַרשיידענע רעזערוו-ליניעס האָבן זיך געשלאָסן צוגן, וואָס האָבן געדאַרפט פירן — אין פאַרשיידענע ריכטונגען...

...אָט דאָס, אַ פּנים, איז געווען — דער שייד-וועג פון מיין לעבן; דער ווענד-פונקט...

...ענדלעך, — איז אַלעם געשטאַנען גרייט און געוואַרט: דער צוג, וואָס דאַרף אונז פירן, אַף די ימים-נוראים, קיין ראָסטאָוו...; און מיין אייגענער צוג — וועלכער גייט-אַפּ, **דער ערשטער**, אַף מ יי נ ע י מ י ם - נ ו ר א י ם , צו דער וועלט...

...דער גלאָק האָט זיך צעקלונגען. ער האָט מיך געוואָרנט; גערופן...

...דאַן, בין איך אויפגעשטאַנען, פון צווישן דער גרופּע יענע לייט. אַזוי רואיק, ווי אַ מת. מיך נישט אָפּגעקערט אין קיין זייט. נישט גע-קוקט, אַף אַ רגע, אַהינטער. מיך געלאָזן גיין, שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, לאַנגזאַם ווי אַ שיקזאַל — מיין וועג...

...גיין. קיינער האָט מיך נישט פאַרהאַלטן. איך האָב בלויז געשפּירט: ווי ז יי ברענען מיר — מיט זייערע בליקן — דאָס האַרץ; מיינע טריט. ציען מיך, שרעקלעך, אַף צוריקצו, נאָך זיך... „...אַ, אפשר, וויינט ער דאָרט — יענער, דער דריטער עובד — אַף מ יי ן בראָך, צי אַף ז יי נ ע ם ; ווי נאָך אַ טויטן, אַלציינס... ווייַן איך אין מיין האַרצן מ י ט — מיין אייביק בלוטיק געוויין... נאָר: דו, חבר מיינער! צי פאַרלאָז איך דיך דען? בין איך נישט, תמיד, מיט דיר? צי טראָג איך נישט, ז אָ ג , געבוינגן ביז צו דער ערד — די שווערע מוראָדיקע לאַסט פון ליבאַוויטש, אין דער וועלט — אַזויווי דו?!."

...אַזוי בין איך געגאַנגען, מיט מיין יאוש, אין יענעם פאַרנעפּלטן פרימאָרגן. מיט די לעצטע כּוחות, מיך-באַוועגט, ביטער-פאַרצווייפלט, פאָרויס. בלוטיק געטראָטן דעם שליאַך צו מיין וועלט. געצייכנט, מיט אומבאַהערשלעכן יאָמער, דאָס נייע בלאַט פון מיין זיין...

נכתב בצידו: האָבנדיק געגרייכט, אין דער דאָזיקער מעמואַריסטישער שילדערונג, ביז אַהערצו, — מוז איך געבן פּלאַץ פאַר פאָלגנדער וויכטיקער באַמערקונג: דער טרייער לייענער מייַנער פון אָט דער פאָרליגנדער באַשרייבונג, האָט — אַ וודאי, נישט־איינמאָל, אין סאַמע־רעכטן מיטן עיון — געמוזט מעכב־זיין די קריאָה, און בלייבן פאַרהאַלטן — אַ דעזאָריענטירטער: צוליב דעם־האָבן־אָנגעגאַנגען, זיך־אָנגעשטויסן — אַף כמה־וכמה־ווידערשפּרוכן צווישן די אַזויגערופענע „געשעענישן“...: הן, ווערליק זיי ווערן געבראַכט — דאָ אַליין, אַף פאַרשיידענע מקומות פונעם חיבור; און, שוין אַ וודאי: ווען מע גייט זיי פאַרגלייכן מיט דעם אופן, ווי זיי ווערן איבערגעגעבן (אויב נאָר דעם לייענער איז אויסגעקומען אַהין אַריינצובליקן,) — אין אַנדערע מייַנע ליטעראַרישע אַרבעטן!.. אָט, אַ שטייגער: דער אָקאָרשט־באַשריבענער וואַריאַנט — פון מיין רייזע קיין ראָסטאָוו, — ווערט, אַף אַ צווייט פּלאַץ, אַרויסגעבראַכט — לחלוטין פאַרקערט!.. טאָ, וואָס זאָל דאָס באַטייטן?!

איז, ריכטיק גערעדט: ווייס איך אַליין נישט; און דעם לייענער, פאַרשטייט־זיך, איז דערלויבט צו טראַכטן דערוועגן, — וואָס נאָר ער וויל... אַמאָל אָבער, קומט מיר אַליין פאָר: אַז מע וואָלט זיך, אפשר, באַדאַרפט, אַפּריער, גוט מישב־זיין וועגן דעם: וואָס עס הייסט, בכלל, און פאַר אַלעמען — אַ געשעעניש־אין־זיך: אומאָפּהענגיק פון אונז...; און דאַן, נאָכהער־ערשט: זיך־נעמען געבן רעכענונג, עס הייסט, געניויער אויפקלערן די ראָל — פון דעם „איך“, וואָס דערציילט... ווער איז ער? און, צי איז ער תמיד — דער זעלבער?.. ווייל, עס קאָן זייער־גרייַלעך געמאָלט־זיין: אַז, איינמאָל, רעדט „איך“, דער לויטערער סאָציאַלער שכל, מיט זיין היסטאָרישער אויפנאַמע וועגן וואָר און געשעענעם; און באַלד, רייסט זיך אַריין, ווי אַ שטורעם, אינדערמיט — דער אימפּולסיווער אַנטי־סאָציאַלער „איך“, און ער נעמט ליאַרעמען פרעך — אין מיין נאָמען, דערציילן דאָס געשעענע — לויט זיין אייגענער אַנטי־היסטאָרישער וויזיע־אויפנאַמע וועגן וואָר, לעבן און געשעען...

איי, — די־עצם־געשעעניש־אַליין, די איינציקע־אין־זיך־עקסהיביציע — ווי איז זי? — ווער ווייסט?.. איינס אָבער, אויב איך מאַך קיין טעות נישט, ווערט קלאָר: אַז אַלץ, וואָס געשעט, וואָס עקסהיבירט־זיך, אין דעם אַקטיאַרישן אָרדן פון זיין, — שפּיגלט זיך אָפּ אין אונז — פאַרשיידן; טוט־זיך אין אונז עקסהיבירן — צוויי מאָל: אין די אַקטיאַרישע רעגיאָנען — פון מאַרד, און פון אימפּולס; פון זין — און פון וואַנזין, אָדער אומזין... ווייל: פּונקט ווי אַלץ איז — געשעעניש, — איז

אלץ (סיי — געדאַנק, סיי — געפיל; סיי — אין לעבן, סיי — אין ערשטן, איינציקן, עצם־זיין־אַליין...) — בלויזער אויפשפיל, עקסהיביציע...

באַזונדערס־אומקלאָר ווערט דאָס פּראָבלעם — בנוגע עבר: וואו נעכטיקער יונגער זין קאָן היינט פאַר אונזער געדאַנק פאָרקומען, ווי — אַלטגעוואָרענער אומזין; און פאַרקערט, ווידער: דער יונגער פאַ־טענטער וואַנזין קאָן, אין לויף פון יאָרן, ווערן — סאָציאַל־געצוימט און איינגעשפּאַנט אין שטייגערישן זין... (אַ חוץ דעם, איז: פּונקט ווי אומזין איז — דער אומזין פון זין, — אַקוראַט אַזוי איז זין — דער אומזין פון אומזין...) נאָך עפּעס: באַ אַזאַ איינעם, ווי איך — וואָס האָב מיין גאַנץ לעבן באַקערט צו ליטעראַטור, — איז, דוכט מיר, נישטאָ קיין מחיצה: צווישן דער ליטעראַריש־איבערגעלעבטער עכטער וויזיע, און — דער אויסגעטראַכטער וויזיע פון מיין „לעבן". בטלו התחומין. טשטוש הגבולין. באַ מיר איז אַלץ — לעבן; אַלץ — לי־טעראַטור. דערפאַר, דערציילט „איך": אַמאָל — אַזוי, אַמאָל — אַנ־דערש, וועגן איינער דער זעלבער זאַך... ווער דערציילט? — שוין־זשע איז דען אַ נפקאַ־מינה? — והמבין יבין...

---

ב. איירעס, י. 1949

*Este libro se terminó de imprimir el día 10 de Febrero de 1949 en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.*